מר. בן־א. סאכאטשעווסקי, רעדאַקטאָר פון דער לאָנדאָנער וואָכנצייטונג „די יידישע שטימע“, וועלכער האָט מיטגעמאַכט אַ שווערע האַרצנקראַנקהייט, געפינט זיך שוין ביי זיין רעדאַקציע־טיש.

* * •

„פון פלעצל ביזן אייפל־טורם“ הייסט אַ ניי דערשינען בוך פון דעם פעליטאָניסט און הומאָריסט, א. א. ליבערמאַן, וועלכער איז אַ מיטאַרבעטער אין דער פּאַריזער טעגלעכע צייטונג „אונזער וואָרט“.

דער באַקאַנטער יידישער שרייבער יחזקאל קאָרנהענדלער פון פּאַריז, האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „אַ גאַסט פון יענער וועלט“.

• * *

דער באַקאַנטער פעליעטאָניסט אברהם שולמאַן פון פּאַריז, מחבר פון דעם בוך „דאָס געלעכטער אין דער נאַכט“, האָט אַרויסגעגעבן אַ צווייט בוך א.נ. „צווישן שוואַרץ אויף ווייס“. דאָס בוך ענטהאַלט פעליעטאָנען און עסייען אויף פּאָליטיש־אַקטועלע און ליטעראַרישע טעמעס.

## פריינט פון יידיש לשון — צוזאַמען מיט דער וועסט ענד בראַנטש

## דינסטיק, דעם 19־טן אַפּריל, 7.03

אין אַדלער האַל, אַדלער סטריט,

## דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

עס וועלן ריידן ד״ר יעקב מייטליס, מ. מינדל, אליהו פאלושאק און י. א. ליסקי.

די ליכט וועט אָנצינדן שלמה לעמל.

לייענען פון „חורבן ליטעראַטור“ פון די קדושים דיכטער וועלן

אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין.

די הזכרה וועט מאַכן חזן שמואל ראָטה. פּאָרזיץ: י. ביעטש.

## „פריינט פון יידיש לשון“

מיר באַגריסן דעם דיכטער און פריינט א. נ. שטענצל צו זיין אַרויסקומען פון שפּיטאָל נאָך זיין שווערע אָפּעראַציע. דערביי דריקן מיר אויס דעם ערנ־סטן ווונטש פאַר אַ שנעלער און גוטע דערהאָלונג. ער זאָל צוריק קומען מיט באַנייטע קרעפטן פריש און געזונט סיי פיזיש, סיי גייסטיק, צו זיין וויכטיקע און נוצלעכע אַרבעט.

י. ביעטש, נ. רובין, מ. אַקערמאַן, אייזיק גאָלדבערג און פרוי, מ. מינדל, פרוי
מ. חייסגראָז, אהרן ביעטש, פרץ אַקערמאַן, היישעריק, ר. מירסקי, פרוי שינדלער.

## וועסט ענד בראנטש פון „פריינט פון יידיש לשון“

ש. לעמעל און פרוי, מר. פייגענבלאַט, ספּירא, דזשעני האט, מר. יאקובאוויטש.
ל.ביילי, מר. לעווינזאן, מ. איזביצקי, ה.

## באזוכער פון די שבת נאכמיטאגס

ס. ראָזענפאַרב, מרס. סינקלער, מרס. לין האמבורג, מר. מארקאוויטש, סיידי שען,
גרינסטיין, מרס. פירסט, מרס. לואיס, פריי־ מרס. נאבלער, די פאַמיליע גאָלדינגער.

## יוסף הלל לעווי ע״ה

ביים שליסן דעם בולעטין קומט אָן די טרויעריקע ידיעה פונם פלוצלינגען טויט פון דעם באַקאַנטן דיכטער **יוסף הלל לעווי**. מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו דער פרוי און קינדער פונם נפטר. זאָלן זיי געפינען אַ טרייסט אין זיין גרויסן נאָמען וואָס ער האָט איבערגעלאָזן און אין זיינע ווערק וואָס ער האָט געשאַפן. חבל על דאבדין ולא משתכחין!

פריינט פון יידיש לשון.

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

176

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־6 (העפט 6־5־281) זעכצנטער יאָרגאַנג יוני־יולי 1955 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

### אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| האַנט אין האַנט מיט די „ידים ידי עשו“ | •• | 1 |
| דער וואַנדערוועג (דערציילונג) | אסתר קרייטמאַן | 4 |
| וו שווינדן זיי די טעג (ליד) | אברהם לעוו | 9 |
| ווינטער ליד (ליד) | וו. פּאַדאַלסקי | 9 |
| דער פלאָנטער (דערציילונג) | י. ביעטש | 10 |
| אַ זומער־ליד (ליד) | שמואל וווהייט | 16 |
| זיי שכור, פענצטער (צוויי מיניאַטורן) | שאַרל באָדלער | 17 |
| אין פעלד (ליד) | ש. זאַלקין | 18 |
| ווייטשעפּל (פּאַעמע) | א. נ. שטענצל | 19 |
| פעטיקאָט־ליין (שטריכן) | משה דאָמב | 33 |
| ביי די ברעגעס פון דער טעמזע (עסיי) | אליהו פאַלושאַק | 36 |
| מכוח דעם לעקסיקאָן פון יידישע שרייבער | | 40 |
| אין יידישן סטיל (עסיי) | יחזקאל בראַנשטיין | 41 |
| אין יידישן „קאָנוואַלעסענט האָום“ | ש. | 44 |
| אַ בריוו אין רעדאַקציע | ל.ביילי | 48 |
| די יידישע שבת נאַכמיטאָגס | | 48 |


## פרייז 1 שילינג און 6 פּענס

אַבאָנעמענט־פּרייז — 19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד — 5 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

## ייווא אויסשטעלונג

דער ייווא אין ענגלאַנד האָט אין אַ קורצער צייט באַוויזן איינצוזאַמלען אַרום 1,000 פאַרשידענע דאָקומענטן פאַר דער געשיכטע פאָרשונג פון יידישע ישובים אין דער וועלט. צווישן די מאַטעריאַלן געפינען זיך פיל זאַכן, וואָס האָבן אַ באַזונדערן ווערט פאַר דער געשיכטע פון אונזערע ישובים אין דער אַלטער היים.

דער ייווא אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג פון די געזאַמלטע מאַטעריאַלן אין דעם אַנגלאָ-ישראל קלוב, פון 27־טן ביז דעם 30־טן יוני, יעדן טאָג פון 5 ביז 10 אָוונט. עס וועלן געוויזן ווערן צייטונגען און זשורנאַלן, בריוו און מאַנו־סקריפּטן, מודעות און פּראָגראַמען, פאָטאָגראַפיעס, קאַטאַלאָגן און באַריכטן און אַ גרעסערע צאָל היסטאָרישע אויסגאַבעס. אַ גאַנץ באַזונדערע ווינקל אין דער אויסשטעלונג וועט פאַרנעמען אַ זאַמלונג פון פאַרשידענע זאַכן און מאַ־טעריאַלן אונטער דעם נאָמען: „חורבן און ווידערשטאַנד". אין דער זאַמלונג וועט דער באַזוכער זיך באַקענען צום ערשטן מאָל מיט אייגנאַרטיקע פאָטאָ־גראַפיעס און דאָקומענטן, וועלכע זיינען ביז איצט בכלל נישט געוויזן געוואָרן אין לאָנדאָן.

מיט דער אויסשטעלונג וויל דער ייווא אין ענגלאַנד ציען די אויפמערק־זאַמקייט פון דער געזעלשאַפט צו דער חשיבות פון פאַרשידענע היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס גייען אָפט פאַרלוירן אין די הענד פון יחידים. אַ גאַנץ באַזונ־דערן ווערט האָט יעדער יידישער דאָקומענט איצט, נאָך אונזער גרויסן חורבן אין אייראָפּע, ווען אַלע יידישע אַרכיוו זאַמלונגען און ביבליאָטעקן זיינען דאָרט מער נישטאָ.

דאָס איז דאָס פּראָגראַם פון די אָוונטן, וואָס דער ייווא אָרגאַניזירט אין דער צייט פון דער געהאַלטענער אויסשטעלונג.

מאָנטיק, 27־טן יוני, 8 אָוונט, עפענונג: שלום אַש, פאָרזיצער: א. מ. קיזער.

דינסטיק, 28־טן, 8 אָוונט, נייעסטע יידישע פאָלקס-לידער, קאָמענטירט פון י. שינדלער.

מיטוואָך, 29־טן, 8 אָוונט, ליטעראַרישער אָוונט פון „פריינט פון יידיש לשון".

דאָנערשטיק, דעם 30־טן, 8 אָוונט, שליסונג פון דער אויסשטעלונג — דר. אהרן שטיינבערג.

מיר ווילן אונטערשטרייכן, אַז די אויסשטעלונג האָט אַ גרויסן ווערט פון יידיש-פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט, און עס וואָלט געווען ביז גאָר וויכטיק, אַז אונזערע מחנכים און לערער זאָלן אָרגאַניזירן גרעסערע יוגנט־אויספלוגן צו דער אויסשטעלונג.

מיר זיינען זיכער, אַז דער יידישער עולם וועט באַזוכן די אייגנאַרטיקע אויסשטעלונג, וועט זיך באַטייליקן אין די אָרגאַניזירטע אָוונטן, און אַזוי אַרום דאָקומענטירן די וויכטיקייט פון דער גאַנצער אונטערנעמונג.

די אַדרעס פון ייווא אין לאָנדאָן:

**יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייווא אין ענגלאַנד**

280 יוסטאָן רויד, לאָנדאָן, נ.וו.1. (טעל. יוסטאָן 8483)

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 7־6 (העפט 6־285) זעכצנטער יאָרגאַנג יוני־יולי 1955 לאָנדאָן


## האַנט אין האַנט מיט די „ידים ידי עשו"

לויט ווי עס שיינט, גרייטן צו אונזערע קהילה מנהיגים אַ שטריך דורך די רעכנונג צום 300־יאָריקן יובל פונם צוריקקער פון יידן קיין ענגלאַנד:

„די גרויסע סינאַגאָגע", די עלטסטע שול פון די אשכנזישע יידן, וועלכע איז געשטאַנען איבער 200 יאָר אין דער איסט ענד, זאָל איבערגעטראָגן ווערן נאָך דער וועסט ענד.

„די באָארד אָף גאַרדיענס", אפנים, שטעכט אויך אויס די אויגן מיט איר אימפּאָזאַנטער מערקאַנטער פּאָזיציע, און מען גרייט זיך אויך שוין זי פון דער אָרעמקייט אַוועקצונעמען און זי אַוועקצופּעקלען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן הינ־טער־געסל אין דער וועסט ענד.

איז מילא, „די דיוקס פּלייס שול", די אַזוי גערופענע „גרויסע סינאַגאָגע", האָט כאָטש היטלער, ימח שמו, געבאָמבט און זיי, די יהודים, וועלן נאָר פאַר־ענדיקן אַ גוט שטיקל אַרבעט: באמת, וואָס טאַקע האָט דער „טשיף ראַביי" און די ראָטשילדס זיך צו באַמיען אַראָפּצוקומען דאָ אין דער „געטאָ" צו באַשיינען מיט זייער דערשיינען די מזרח־וואַנט אין די ימים־נוראים און זיך צו פאַר־שוואַרצן דאָס פּנים מיט דעם ווייטשעפּל־עולם, ווען עס צאָלט זיך שוין נישט מיט אַזאַ כבוד ווי אין די אַמאָליקע צייטן.

און צו דערציילן דערמיט, דער נישט־יידישער וועלט, אַז מיט זייער באַ־וויזן זיך, ראַטעווען זיי אָפּ דעם יידישן פּראָלעטאַריער פון גאָטלאָזיקייט, פון אַנאַרכיזם און קאָמוניזם, דאָס מיינט דאָך שוין דערציילן יענע באָבע־מעשה...

אָבער אַוועקנעמען „די באָארד אָף גאַרדיענס", וועלכע איז געשטאַנען דאָ אַמאָל ווי אַ מאַמע צווישן די אָרעמע געסלעך און זי פאַרטראָגן ערגעץ אין דער וועסט־ענד אין די הרי־חושך, — אַז אַן אָרעמאַן זאָל שוין נישט וויסן וווּ אַ טיר עפנט זיך! — מיינט דאָך טאַקע שוין, ווי מען וויל אַליין בידים אויסמעקן די לעצטע שליאַדעס פון דער יידישער געגנט דאָ. אויסוואָרצלען אַ לעצטן יידישן מקום.

דאָס בית־דין וועט, מסתמא, אויך שוין באַלד זיין עמיגראַציע־פּעאיק, צו עמיגרירן מיט אירע „אָפיסערס" נאָך דער וועסט ענד; נאָכדעם ווי מען האָט זיי דאָ אינם „אויסגעקויפטן" פאָלקס־הויז אין יידישן טעאַטער גוט גרימירט, מיט לייטישע פראַנקפורטער בערדלעך, וועלן זיי שוין, אי״ה, זיין סאַלאָן־פּעאיק אויפגענומען צו ווערן אין אַ פאַרשטעקט ווינקל־געסל אין דער וועסט ענד. מיט אַ הדרת־פּנים פון אַ היימישן גדול, ווי דיין אַבראַמסקי, איז עס נאָך אַ ביסל שווערלעך אָנגעקומען.

זיי זיינען זיך אָבער בײדע, סיי די אַסימילאַציע, סיי די שלילת־הגלותניקעס לגמרי טועה! מיטן חרוב מאַכן די יידישע פונקטן אין דער דיאַספּאָראַ האָט נאָך די אַסימילאַציע נישט געזיכערט איר „לעבן", און נישט דער ציוניזמוס — דעם יודנשטאַט!

עס געפינען זיך אַקטן אין געוויסע אַרכיוון, אַז שוין מיט אַ 6־7 צענדליק יאָר צוריק, האָבן די רויטשילדס שוין זיך גאָר שטאַרק באַמיט, אַז די ראַפּידע עמיגראַציע דעמאָלט פון מזרח־איראָפּע, זאָל זיך נישט פאַרוואָרצלען אין די געסלעך דאָ אַרום ווייטשעפּל; עס זאָל אינגאַנצן נישט ענטשטיין, וועט מען עס נישט דאַרפן עוקר מן השורש צו זיין...

און די אַלע ציוניסטישע פאַראיינען דאָ, אָנגעהויבן מיטן בעל־הבתישן בית־ציון, האָבן „נאַציאָנאַל" געקעמפט פאַרן פּראָגראַם הידועה „ענגליש או עברית" און געבליבן זיינען זיי ביים — אוי!

אוי, ווען נישט דער געזונטער שטאַרקער יידישער קיבוץ דאָ אין ווייטשעפּל, וואָס ער איז עס נאָך געווען אין די פאַר־מלחמה יאָרן, איידער היטלער, ימח שמו, האָט עס „געבליצט"; דעמאָלט ווען מאָזלי מיט זיינע פאַשיסטישע האָרדעס האָבן זיך געריסן דאָ צו די געסלעך און אָנגעשטויסן זיך אויף אַן אייזערנער וואַנט! — ווי אַזוי וואָלט דער „באָארד אָף דעפּוטיס" רעדנער צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם זיך געקענט אַוועקשטעלן אין הייד פּאַרק און רופן אין עולם אַריין מיט אַן אויסגעשטרעקטן שטאָלצן ווייז־פינגער: זעט נאָר ווייטשעפּל, אַ האָרעפּאַשנע יידישע מאַסע פון 100,000 נוצלעכע אַרבעטער — — זיינען דאָס די רויטשילדס מיט וואָס די פאַשיסטן העצן?

און ערלעכע יידישע ציוניסטן זיינען נאָך לגמרי ביי זיך נישט זיכער, צי תל־אביבער יידן קאָנען נישט אַמאָל צוריק אָנפילן דאָ די „געטאָ"־געסלעך, אויב זיי וועלן העלפן די געטאָ דאָ חרוב מאַכן... די יידישע פונקטן אין דער דיאַספּאָראַ זיינען די פעסטע זיילן פון מדינת־ישראל! אמת, די „זייאָניסטישע אָפּיסערס" פייפן שוין אויפן יידישן געסל, דאָס נויטיקע געלט זייערס גיט זיי שוין פאַר זייער גוטע אַרבעט „אין גלות" די אַסימילאַציע, און טאַקע די „גוטע דייטשן" גופא... אמת, די „פייפערס" און די „אָנפייפערס" פייפן טאַקע אויפן פאָלקסטימלעכן „עמך", אָבער אָן די יידישע פאָלקס מאַסע וועט דאָס יידישע פאָלק בלייבן אויסגעפּיפן.

און אָט אויף ווי ווייט אונזערע דיפּלאָמאַטישע הענטשקעס אַרבעטן שוין האַנט אין האַנט מיט די „ידים ידי עשו" וועט אונז אילוסטרירן אַ שטיקל „קולטור כראָניק פון יידישן וועלט קאָנגרעס", אין די „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער", אין בוענאָס איירעס:

„די ענגלישע אָפּטיילונג פון יידישן וועלט קאָנגרעס האָט, ערב דער עקזעקוטיוו קאָנפערענץ אין פּאַריז, אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן. מאָזלי'ס פאַשיסטישע צייטונג „יוניאָן" האָט געשיקט איר פאַרטרעטער"... אַ יאָ עס קלינגט קאָמיש? וועט מען מיר מוחל זיין, אַז דאָס ווייטערע וועט קלינגען נאָך קאָמישער:



די פאַרהאַנדלונגען האַלטן שוין, אפנים, אויף אַ נישקשהדיקן דרך, אַז מ'שיקט שוין פאַרטרעטער. נאַטירלעך שמועסט מען נאָך נישט וועגן „אָפּמאַך־געלדער" פאַרן ענגלישן יידנטום... דיפּלאָמאַטן האָבן צייט, זיי גרייטן צו אַזוי אַז ס'זאָל זיך לוינען, אַז ס'זאָל זיין די אמתע מאַטניאַ: אי אויפצושטעלן אַ יידישע מדינה אין אַזיע, אי האָבן שיסלען מיט געלדער צו טיילן אויף לינקס און אויף רעכטס, ווער עס שטעקט נאָר אַ באַדערפטיקע האַנט אויס: פאַר יידישע דערציאונג, וויסנשאַפט און קולטור אין דער דיאַספּאָראַ, אין איראָפּע, אַמעריקע, אַפריקע און אויסטראַליע... אַזעלכע גרויסע שיסלען, אַז אפילו פאַר יידישע שרייבער, פּאָעטן און רעדאַקטוירים איז אויך דאָ אַביינדל אָפּצולעקן. אַ־והא־ראיה, די גרויסע קאָלומס „קולטור־כראָניק", אַזש אין ווייטן יידישלעכן בוענאָס־איירעס...

נאַטירלעך שמועסט מען נאָך נישט מכוח די גרויסע אָפּמאַך־געלדער, אָבער מען נעמט שוין „פילינגען" אַדורכצוקומען מכוח געוויסע קולטור ענינים אויף אַ ריין דיפּלאָמאַטישן קולטורעלן אופן.

און אָט איז דער פאַרשלאַג פון דער פאַשיסטישער „יוניאָן", טאַקע אָפּגעדרוקט אין דער דערמאָנטער „קולטור כראָניק":

„אויב יידן ווילן באַטראַכט ווערן אַלס לאָיאַלע בירגער, וואָלט געווען בעסער פאַר זיי, ווען זיי רעדן דאָס זעלביקע לשון, ווי די אַנדערע מענטשן אין איסט לאָנדאָן... אויפהערן צו באַנוצן זיך מיט דער יידישער שפּראַך... צו לאָזן שטאַרבן יידיש מיט אַ נאַטירלעכן טויט..."

עשו בלייבט עשו, אַ גויאישער קאָפּ בלייבט אַ גויאישער קאָפּ, ער פאַרשטייט נישט, אַז די אַסימילאַציע קאָן בשום אופן נישט „צולאָזן שטאַרבן יידיש מיט אַ נאַטירלעכן טויט", ווארים, אַז זיי זאָלן דאָס צולאָזן וועט יידיש נאָך איבערלעבן דעם נאַטירלעכן טויט (נישט אין גאַז קאַמערן...) פון זייערע אור־אור־אייניקלעך. די אַסימילאַציע וויל יידיש פאַרטיליקן מיט אַ שנעלן און שענדלעכן טויט.

מיר וועלן נישט זאָגן, אַז מיר פאַרשטייען נישט די קאָלעגן אין אַמעריקע. מיר פאַרשטייען שוין לײדער צו גוט, אפילו, די קאָלעגן אין לאָנדאָן, וואָס גייען האַנט אין האַנט מיט אָט די פּאָליטישע הענטשקעס (מיר וועלן אַפילו גיין אַזוי ווייט און זאָגן, אַז מיר זיינען משיג צומאָל די „פאַרנונפט" פון די לעצטע...): זיי ווילן נאַטירלעך פון אַ חזיר אַ האָר אַרויסרייסן, כדי די יידישע קולטור און ליטעראַטור זאָל חלילה נישט אונטערגיין... מיר האַלטן אָבער אַז פון חזיר־האָר קאָן מען העכסטנס מאַכן בערשטלעך, דיפּלאָמאַטן בלע"ז אויסצובערשטן, און נישט נאָר זייערע זאַמשינע דיפּלאָמאַטישע הענטשקעס זויבער אָפּצופּוצן, נאָר אפילו די שטיוול מיט וועלכע מען טרעט אויף די קעפּ פונם יידישלעכן „עמך"־פאָלק. טאַקע שפּעטער מיט כעס אַ שפּיי טון אויף די חזיר־האָר פונם פוץ־בערשטל, אָבער כדי נאָך אינטענסיווער קנעכטישער אויסצוגלאַנצן אָט־אָ דעם שטיוול...

## אסתר קרייטמאַן

# דער וואַנדער־וועג*

אַלע, מאַן, פרוי און קינד — יידן — מוזן זיך קומען מעלדן היינט צווייאַזייגער בייטאָג אין דער פרעפעקטור; מיטברענגען זייערע אידענטיטעטס־דאָקומענטן מיט פּרטים פון געבוירן, אָרטשאַפטן, נאָמען, אַדרעס און אַזוי ווייטער.

אויף דעם דאָזיקן באַפעל האָבן, צווישן טויזנטער אַנדערע יידן — מענער, פרויען און קינדער — צוויי יידישע פרויען, וואָס האָבן צוזאַמען געוווינט, איינע מיט אַ קינד אויף דער האַנט, די אַנדערע אַן עלטער מיידל, גענומען אויף זיך די אויבערמאַנטלען; גוט באַקוקט די מלבושים, צי דער געלער מגן־דוד איז פעסט גענוג אָנגענייט; און האָבן זיך מיט אונטערגעבראָכענע קני אַוועקגעלאָזט אין דער פרעפעקטור. דאָס האָט געהייסן, אַז מ׳דאַרף אַ טייל פון זיי, די געזונטע, אויסקלויבן פאַר אַרבעט.

זיצנדיק אויפן לאַנגען בענקל און וואַרטנדיק ביז עס וועט קומען זייער ריי, האָט כייטשע דאָס עלטערע מיידל אויפגעשטעלט זיך, מיט אַ ריר פון די ברעמען אָנגעוווּנקען דער ייִנגער מאַמע מיטן קינד, זי זאָל איר נאָכטון; און האָט הינטער די פּלייצעס פון די, וואָס האָבן אָנגעגעבן זייערע נעמען ביים קאָנטאָר, פּאַמעלעך געשאַרט זיך צום אונטערשטן אַרויסגאַנג, וווהין ווּהין ס׳זיינען געגאַנגען די אויסגעקליבענע. אַזוי שאַרנדיק זיך אַהין, האָט די וואַך געמיינט, אַז זי האָט שוין אַלץ דערליידיקט און זי געהער צו די, וואָס וועלן באַלד אַוועקגעשיקט ווערן. האָבן זיי זיך נישט אומגעקוקט. עס איז איר געלונגען, און זי האָט זיך באַלד געזעען צוריק אויף דער פריי. אָבער אויף ווי לאַנג? זי איז געווען אַליין. אָבער זי האָט נישט געוווּסט וועגן יענער, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן מיטן פּיצל קינד.

אַהיים איז זי שוין נישט געגאַנגען. אַ הויכע, אַ בלאַסע, מיט בלאָנדע האָר, האָט זי גענומען דעם גרויסן, שוואַרצן, לעדערנעם האַנט־בייטל אונטערן אָרעם; אַ ביסל אַרויסגערוקט אים, כדי ער זאָל פאַרשטעלן דעם געלן מגן־דוד, און איז אַוועק צו אַ שכנטע פון אירס אַ פריינדין. יענע האָט זי באַהאַלטן אין קוילן־קעלער, איבערגעוואָרפן איבער איר וויפיל אַלטע לאַטעס זי האָט נאָר פאַרמאָגט, און איז אַ באַאומרואיקטע געגאַנגען מאַכן עפּעס עסן.

כייטשען איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק: גאַנץ פרי, ווען אַלע אין הויז זיינען געשלאָפן, איז זי מיט שטילע, גאָר שטילע טריט אַרויפגעקראָכן די טרעפּלעך און איז מיט אַ קריגל אין האַנט (וואָס זי האָט געפונען אין קעלער) אַרויס אויף דער גאַס, עס זאָל אויסזען, אַז זי איז אַ כשרער מענטש, נישט קיין יידישע טאָכטער, און זי גייט פּשוט קויפן מילך.

מיטן קריגל אין האַנט, מיטן בלאָנדן קאָפּ האָר, די מלבושים נישט איבעריק

*די נאָך נישט געדרוקטע דערציילונג, אָפּגעדרוקט צו דער ערשטער יאָרצייט פון דער שרייבערין.



זויבער פון די לאַטעס, אונטער וועלכע זי איז געלעגן, האָט זיך אויף איר קיינער נישט אומגעקוקט.

ביסלעכווייז האָט זי זיך אַרויסגעשאַרט פון שטאָט. נאָך אַ טאָג וואַנדערן, ווי אין אַ חלום, האָט זי זיך געזעען אונטער אַ פרייען, ליכטיקן הימל. אַ בלאָער און אַ פרישער, אַנאומפאַרשעמטער און אַ צעכראַסטעטער, איז ער זיך געלעגן ווי ביי זיך אין דער היים, און זיך שטיל צוגעקוקט מיט בלישטשענדיקע אויגן־שטערן. שטיל צוגעהערט זיך צו דעם רייסן און קייען דאָס פייכטע גראָז פון קי, פערד און שעפסן, וואָס האָבן פונקט ווי דער הימל נישט געטראָגן קיין געלע לאַטעס, נישט קיין קריגלעך אין האַנט, כדי מיט דעם זיך צו באַשיצן פון אַ שרעקלעכן טויט.

כייטשע האָט ווייטער געוואַנדערט. פּלוצלינג האָט זי צווישן אַ סאָד פון נידריקע, געדיכטע, קיילעכיקע ביימער דערזעען אַ קליין ציגל־רויט הייזל. פון הייזל איז געגאַנגען אַ רויך, און עס האָט אויסגעזעען, אַז מ׳קאָכט דאָרט איצט וועטשערע פאַרן הויזגעזינט. ביי כייטשען האָבן אָנגעהויבן די קני צו ציטערן. זי האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז זי איז אַ מענטש און אַז זי איז שטאַרק, גאָר שטאַרק הונגעריק. ווי אויפגעוואַכט, האָט זי זיך פּלוצלינג אַליין דערזען, ווי זי וואַנדערט סטיכיש און ווי זי שטייט איצט ווי אַ שטיינערנע סטאַטוע, וואָס מ׳האָט אַזוי ערגעץ אַוועקגעשטעלט צוליב חוזק מיט אַ קריגל אין האַנט. זי האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס קריגל, אויסגעגלייכט די פאַרשטייפט־געוואָרענע פינגער, און האָט זיך דערנענטערט צו דער טיר. זי האָט אָנגעקלאַפּט. אַן אַלטיטשקע האָט איר געעפנט די טיר, און נישט פרעגנדיק זי וואָס זי וויל, האָט זי זי קודם אַריינגעלאָזט אין שטוב אַריין, איר געהייסן זיך זעצן און איר דערלאַנגט אַ גלאָז מילך.

— וואָס ווילסטו, מיין קינד? — האָט זי געפרעגט מיט אַ רחמנות־קול.

— כ׳בין אַ יידיש קינד, און איך זוך שוץ; כ׳וויל לעבן! — די שטייפקייט האָט איצט כייטשען אין גאַנצן אָפּגעלאָזט. זי האָט זיך צעכליפּעט.

— וויין נישט — האָט די אַלטע זיך געבעטן ביי כייטשען — אָט קומט באַלד אַהיים מיין זון. ער אַרבעט דאָ נישט ווייט און, אויב ער וועט באַשטיין, וועלן מיר דיך דאָ האַלטן ווי אַן אייגענע. דאָס הייזל איז נישט מיין, נאָר זיינס. איך היט אָפּ די קינדער. זיי האָבן נישט קיין מאַמען.

כייטשע האָט ערשט איצט דערזעען די דריי צעשראָקענע קינדער. איין ייִנגעלע פון אַ יאָר זיבן און צוויי מיידעלעך, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין מיטן שפּילן און זיינען איצט געזעסן צוזאַמענגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער, און געגלאָצט מיט די צעשראָקענע אויגעלעך אויף כייטשען.

כייטשע האָט מיט איין זופּ פאַרשלונגען די מילך, און זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך. זי האָט געזעען אַקעגנאיבער אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד פון דער מאַמאַ ליזא און נאָך איינס — פון דריי קליינינקע, ווייסע קעצעלעך מיט רויטע סטענגעלעך, פאַרשלייפטע אויף די העלזלעך, מיט אַזעלכע מילדע אויגלעך, ווי

ס׳וואַלט גאָר קיין געסטאַפּאָ נישט געווען אויף דער וועלט. קיין צלמים האָט זי נישט געזען.

באַלד האָט זיך געעפנט די טיר, און אַ הויכער יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, האָט קלאַפנדיק מיטן שטעקן אין זיין אייגן שטיבל דערנענטערט זיך צום טיש, און אַוועקגעזעצט זיך.

נו, וואָס הערט זיך? זיינען זיי געווען גוט, די קינדער? ווו זיינען זיי?

— אָט זיינען זיי — האָט די אַלטע אָנגעוויזן מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט גערעדט צו אַ זעעוודיקן.

— עפּעס זיינען זיי אַזוי שטיל. וואָס איז דערמער? אַנו, קומטס נאָר אַהער. איר ווילט גאָר היינט נישט אַ קוש טון דעם טאַטן?

די קינדער האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן זיך בלויז איבערגעקוקט.

— וואָס איז געשען, מאַמע? עפּעס שרעק איך מיך פאַר דער שטילקייט.

— גאָרנישט, מיין זון. האָסט זיך נישט וואָס צו שרעקן, די קינדער זיינען געזונט. אָט גרייט איך טאַקע וועטשערע פאַר זייערטוועגן. נאָר מיר האָבן אַ גאַסט.

— אַ גאַסט?

— יאָ, אַ יידיש מיידל זוכט שוץ ביי אונז. וואָס זאָלן מיר טון? די געפאַר איז גרויס. וואָס זאָלן מיר טון, מיין זון? — האָט די אַלטע גערעדט מיט מורא אין קול און רחמנות אין די אַלטע, וואַסערדיקע אויגן — זאָג: וואָס דו וועסט זאָגן, וועל איך טון. מיר איז טייער דיינס און די קינדערס לעבן. פאַר מיר אַרט מיך נישט.

— וואָס הייסט? זאָל זי זיין מיט אונז. גיב איר זשארעטס מלבושים, און זי וועט זיין אַ הילף אין שטוב. און דו, מאַמע, וועסט זיין קראַנק אַ שטיק צייט. פאַרשטייסט?...

די אַלטע איז צוגעגאַנגען צום זון. זי האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ, אַראָפּגעבויגן אים צו זיך און אים אַ קוש געטון.

— דער הייליקער יעזוס און די הייליקע מאַריאַ זאָלן אונז באַשיצן צוזאַמען מיט דער אומגליקלעכער! — האָט זי באַנעצט דעם זונס פּנים מיט אַ טרער, וואָס האָט זיך איר אַרויסגעקייקלט פונם אַלטן אויג.

— הער שוין אויף, מאַמע, מיט דיינע נאַרישקייטן. דו ווייסט, אַז איך האָב עס נישט ליב. גרייט בעסער צום טיש, און לאָמיר גיין עסן. רוקט אייך צו נענטער צום טיש, און זאָגט מיר אייער נאָמען, אויך ווי אַזוי איר זעט אויס, מאַדמואַזעל.

— גראָד זע איך אויס ווי אַן אַריערין, גאָרנישט יידיש.

— אמת! — האָט די אַלטע מסכים געווען — זי איז העל, בלאָנד, הויך, נאָר נעבעך זער בלאַס. דו זעסט גיכער אויס פון יידישער אָפּשטאַמונג ווי זי; אפילו איך אויך.



— גוט, דאָס איז זער גוט. איר בלייבט מיט אונז, און קיין שלעכטס וועט אייך נישט געשען. איך וועל אים ווייזן, דעם באָש! — האָט ער אויפגעהויבן אַ פויסט, ווי אַ גבור.

נאָכן עסן האָט די אַלטע אָפּגעגעבן כייטשען דעם זונס געלעגער, און ער האָט אַליין זיך אויסגעבעט אַ געלעגער.

כייטשע איז געווען אַזוי אויסגעמאַטערט פון די לאַנגע טעג נישט עסן, פון דער כסדרדיקער מורא, אַז אָט וועט די געסטאַפּאָ אָנקלאַפּן אין איר טיר; פון טראַכטן וואָס עס איז געשען מיטן אַלטן פאָטער אירן, דעם גרויסן יידישן וויסנשאַפטלער, וואָס האָט געאַרבעט פאַר דער ייוו״אָ, און מ׳האָט אים מיט עטלעכע וואָכן צוריק דעפּאָרטירט און זינט דעם האָט זי פון אים גאָרנישט געהערט, און זי האָט אפילו נישט געקאָנט אַרויסקומען פון שטוב, כדי זיך נאָכצופרעגן; אַזוי אויסגעשעפּט פונם כסדרדיקן וואַרטן אויף דער איין און איינציקער שעה, ווען זי וועט מעגן אַרויסגיין עפּעס איינקויפן פאַר זיך עסן און מ׳וועט איר זאָגן „ביזט צו שפּעט, מאַדאַמזעל, אַלץ איז שוין אויספאַרקויפט געוואָרן"; און זי וועט זיך אַ וואַקלענדיקע פון אָפּגעשוואַכטקייט צוריקקערן מיט ליידיקן און ווייטער פאַסטן; — אַז זי איז גלייך איינגעשלאָפן.

ביסלעכווייז האָבן זיך די שכנים צוגעוווינט, אַז פּיער האָט חתונה געהאַט אין דער שטיל מיט אָט דער שיינער, בלאָנדער מיידל, וואָס האָט אים, זאָגט זי, ליב ווי איר לעבן און האָט ליב די קינדער, ווי זיי וואָלטן געווען אירע אייגענע. און די אַלטע האָט זי ליב, און זי היט איר אָפּ, לאָזט איר נישט אַרבעטן ביי קיין שווערער אַרבעט. די שטוב איז ריין, די קינדער זיינען ריין און האָבן זיך צעבליט. די אַלטע האָט זינט זי לעבט נישט געהאַט אַזוי פיל רו און אַזוי פיל אַכטונג. און פּיער, פון אים איז אָפּגערעדט. ער אַרבעט און זינגט. און מ׳זעט, אַז ער איז פאַרליבט.

אַזוי האָט זיך כייטשע צוגעוווינט צו דער שטוב, וואָס האָט איר געראַטעוועט פון טויט. זי האָט געאַרבעט אין קיך, זי האָט געאַרבעט אין שטיקל פעלד, זי האָט געזייט און געשניטן; און אָפּגעהיטן אפילו די בלומען ביים הייזל. זי האָט געוואַשן און געפּרעסט, געקליבן די אַראָפּגעפאַלענע קאַרשן פונם דערנעבנדיקן סאַד, עפּל און באַרן, און געמאַכט פון זיי וואַרענע פאַר די קינדער. נאָר געזונגען האָט זי נישט.

אַ גרויס שטיק אומגליק איז געלעגן אין אירע העלע אויגן. אַ טיף שטיק אומגליק האָט גערעדט און דערציילט, אַז זי איז אַ יידיש קינד; אַז איר טאַטע, דער גרויסער יידישער קענער, דער אָנגעזעענער, גרויסער ייד, וואָס גאַנץ פּאַריז האָט פאַר אים דרך־ארץ געהאַט, האָט מען געשלאָגן און אַ צעבלוטיקטן אַריינגעפּאַקט אין אַ וואָגן און אים אַוועקגעפירט גאָט ווייסט ווו, צי נישט אַמאָל אין אויוון אַריין, כדי אים צו פאַרברענען לעבעדיקערהייט. אין כייטשעס אויגן איז אויך געלעגן דער טרויער פון דער יונגער פרוי מיטן קינד; איר חברטע, וואָס האָט מורא געהאַט איר נאָכצוגיין ווען זי האָט צו איר דעמאָלט געווונקן

אין דער פּרעפּעקטור. מסתמא מורא געהאַט, אַז דאָס קינד זאָל נישט אַמאָל ביים אַרויסגנבֿענען זיך אַ וויין טון און זיי אַלע דריי אויסגעבן. איז זי געבליבן זיצן און געוואַרט אויף איר ריי.

יאָרן האָבן זיך געשלעפּט, מוראדיקע יאָרן. ווו נאָר אַ גוטער מענטש, ווו נאָר אַ פֿרייער גייסט, אַן אינטעלעקט אָדער סתם אַ מענטש מיט אַ נשמה, האָט ער געשמאַכט אין די קאָנצענטראַציע לאַגערס; און מער פֿון אַלע — די ייִדן. פֿאַר אַ ייִדן איז גענוג געווען בלויז די עבֿירה, וואָס ער האָט געוואַגט געבוירן צו ווערן, כּדי מ׳זאָל אים אַריינוואַרפֿן צו די דייטשן אין די הענט און אים פֿאַרברענען; און מ׳זאָל מאַכן פֿון זייער מאַרך זייף, פֿאַר דייטשע פֿרויען מיט וואָס זיך ריין צו וואַשן; פֿון דער הויט — שיינען פֿאַר לאָמפּן, מיט וואָס צו באַשיינען דייטשע שטובן; און בייטלען פֿאַר דייטשע קורוועס צו טראָגן אויף בעלער, וואָס די דייטשן האָבן זיך געמאַכט בשעת אין די אויוונס האָבן געברענט ייִדישע קינדערלעך און מאַמעס און טאַטעס, און זיידעס און באָבעס. צו טראָגן בשעת מ׳איז געגאַנגען אין דער אָפּערע צו באַוווּנדערן די קונסט.

אַזוי ווי אַלצדינג אין דער וועלט, האָבן זיי, די זעקס יאָר פֿון דער מלחמה, צום סוף פֿאָרט אויסגעלאָזט זיך. די וועלט האָט זיך „באַפֿרייט״. כּייטשע איז מיט איר בלינדן מאַן געקומען קיין פּאַריז אויסגעפֿינען עפּעס מכּוח איר פֿאָטער.

— אין אויוון — האָט מען איר געענטפֿערט.

— כּייטשע, לאָז אָפּ דעם גוי. כּייטשע, ס׳איז אַ חרפּה פֿאַר דיין טויטן טאַטן. פֿאָר אַוועק קיין ארץ־ישׂראל, דאָרטן וועסטו געפֿינען דיין תּיקון! — האָבן אירע באַקאַנטע געטענהט, וויסנדיק, אַז זי איז געווען אַ פּועלי־ציוניסטקע.

אָבער כּייטשע האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען. — כ׳האָט אים ליב!

— האָט זי געטענהט — אַז ער איז גאָרנישט קיין גוי. ער גלויבט אין גאָרנישט. איך אויך נישט. איז מיט וואָס איז ער אַנדערש פֿון מיר?

איינמאָל איז כּייטשע מיטן בלינדן מאַן אירן געזעסן אין אַ שטוב מיט אַ טייל פֿון אירע צוריקגעקומענע חבֿרים און חבֿרטעס. מ׳האָט געמאַכט אַ גלעזל טיי, אַ גלעזל וויין איז אויך געווען. כּייטשעס מאַן האָט געטרונקען אַ ביסל מער ווי מ׳דאַרף, און ער האָט זיך צערעדט.

— כ׳ווייס נישט פֿאַרוואָס, נאָר כ׳האָב נישט ליב קיין ייִדן — האָט ער שיכּורערהייט גערעדט.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט. כּייטשע האָט זיך איבערגעגאָסן מיט בלוט. די הויט האָט איר שיער געפּלאַצט. דאָס ערשטע מאָל הערט זי איר בלינדן מאַן אַזוי רעדן.

— ווי קענט איר אַזוי רעדן? אייער פֿרוי איז דאָך אַ ייִדישע. איר האָט זי איבערגערעדט, אַז זי זאָל מיט אייך חתונה האָבן!

— אָ, מיין פֿרוי איז עפּעס אַנדערש! ווען אַלע ייִדן וואָלטן געווען ווי מיין פֿרוי, וואָלט איך זיי שוין ליב געהאַט.

— אָט דאָס זאָגן אַלע גוים — האָט כּייטשע אַ ברום געטון ווי אַ פֿאַר־



וווּנדעטע, און האָט זיך מיט דער שטול צוזאַמען אָפּגערוקט אינם ווייטסטן ווינקל אַריין.

זי האָט אים אַהיימבאַגלייט שוין נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געהאַט אויסגעניכטערט. קיין וואָרט נישט געזאָגט, געבעטן אים דאָס געלעגער. ווען ער איז איינגעשלאָפֿן איז זי שטילערהייט אַרויס פֿונם קליינעם שטיבל, וואָס איז איר דורך דער צייט ליב און נאָענט געוואָרן, און איז מיט טרערן אין די אויגן צוריקגעקומען קיין פּאַריז צו אירע פֿריינט.

## אבֿרהם לעוו

### ווו שווינדן זיי די טעג?

ווו שווינדן זיי די טעג?
ווו איילן זיך די יאָרן?
ווו האַלט איך אין מיין וועג,
ווי ווייט בין איך פֿאַרפֿאָרן?

ווי לאַנג נאָך, אָ, ווי לאַנג
דעם דרויסן כ׳וועל געניסן?
און ס׳וועט מיין שטיל געזאַנג
פֿון פֿעדער מיינעם פֿליסן.

ווי לאַנג נאָך וועט מיין טראָט
אויף גרינע פֿעלדער שפּאַנען?
אָ, ענטפֿער ליבער גאָט,
אויב דו ביזט נאָך פֿאַראַנען.

אויב ערגעץ אין דער הויך,
דיין גייסט עס טוט דאָרט שוועבן?
דו קוק, ווי ווייסער רויך
עס וועבט זיך אויס מיין לעבן.

און וואָס וועט בלייבן דאָ,
קיין סימן ניט, קיין צייכן,
אָט ווי אַ וואָלקן גראָ
וואָס רינט צעשווימט אין הויכן.

וואָס שוועבט אַוועק אין ווייט
און ווערט אין לופֿט צעגאַנגען.
מיין האָרץ צעבלוטיקט שרייט
אַריין אין די געזאַנגען.

פֿאַרוואָס בין איך געשטראָפֿט
מיט ווערטער וועלכע קומען
אין שורות און אין סטראָף
און קלעפּן זיך צום גומען?

ווייל ווער באַנעמט זיי, גאָט,
און ווער וועט מיך דערהערן?
אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד,
די שורות און די טרערן.

## וו. פּאָדאָלסקי

### ווינטער־ליד

ס׳איז מיר ליב
דער געזאַנג פֿון פֿויגל אין מיי,
ווען די נאַטור
איז דערפֿרישט און ניי.

נאָר ליבער איז מיר
דער געזאַנג פֿון פֿויגל
אויף נאַקעטע ביימער
אין דעצעמבער.

ווייל דעמאָלט זינגען זיי
נאָר פֿאַר יענע
וואָס וואַרטן שוין ניט
פֿאַר קיין צווייטן מיי.

## י. ביעטש

# דער פלאַנטער

באַלד ווי דער חודש אַפּריל איז אַדורך, האָט ביי לייזער דזשאבאַס אין פאַבריק זיך אָנגעהויבן די זומער־וואַקאַציע־שטימונג. יעדן טאָג האָט דער שמועס צווישן די אַרבעטער מיינסטנס געדרייט זיך אַרום דעם איינציקן פונקט, ווער וועט זיין פון די ערשטע דעם זומער צו פאָרן אויף „האָלידייס“ און ווער שפּעטער. ס׳איז אין דער פאַבריק געווען איינגעשטעלט אַזאַ גורל סיסטעם, וועלכער איז געהאַלטן געוואָרן אַרום האַלבן חודש מאַי יעדעס יאָר.

משה דער לאַנגער, אַזוי האָט מען אים אין דער פאַבריק גערופן מחמת זיין הויכן וווקס, איז געווען אַ דאַרער מיט אַ לענגלעך בלייך פנים און אַ סך קנייטשן אויף זיין ברייטן ווייסן שטערן. אויף אים איז דאָס מאָל אויסגעפאַלן צו זיין פון די ערשטע צו נעמען זיין „האָלידייס“. משה, אָבער, האָט נישט שטאַרק חשק געהאַט צו זיין פון די ערשטע, צוליב פאַרשידענע טעמים: עס פעלט אים אויס געלט, שווער צו קריגן אַ פאַסענד פלאַץ פאַר אַ פאַמיליע מיט דריי קינדערלעך זאָלן געזונט זיין. אגב ריכט זיך זיין ווייב עטל אַ ליאַדע טאָג ווידער צו ווערן אַ קימפּעטאָרין. און זיי זיינען ווייט נישט צוגעגרייט. די לעצטע ווערטער האָט ער שטיל און אַ ביסל ווי פאַרשעמט געמורמלט, אַזוי ווי ער וואָלט צו זיך אַליין גערעדט. די קנייטשן אויף זיין ברייטן שטערן האָבן זיך באַזונדערס טיפער ביי זיינע ברעמען איינגעשניטן, בעת ער האָט מיט גרויס הכנעה זיך געווענדעט צו סאָלי, אַ יונגער אַרבעטער מיט וועלכן ער שטייט ביי איין טיש שוין פאַר אַ לענגערער צייט, אַז ר׳זאָל זיך מיט אים טוישן און זיין פון די ערשטע צו פאָרן אויף די „האָלידייס“.

סאָלי, וועלכער איז תמיד געווען גרייט אַרויסצוהעלפן יעדן אַרבעטער, אפשיטא משה דעם לאַנגען, האָט אָבער דאָס מאָל אַ ביסל זיך געקוויינקלט און הויך אַ זאָג געטון: „פאַר וואָס עפּעס איך און נישט קיין אַנדערער?“ אַז אַלע אין פאַבריק זאָלן הערן, דערמיט צו ווייזן, אַז ער איז נישט אַבי ווער, און פאַלט נישט גלייכצו יעדער זאַך צו. אין תוך אָבער, האָט דאָס אים גאַנץ ווייניק געאַרט צי פריער אָדער שפּעטער. פאַרקערט ר׳איז געווען צופרידן. ס׳איז פרילינג, די טעג זיינען גרויס און דער דרויסן רופט. אַ סך זיך צוצוגרייטן האָט ער נישט באַדאַרפט; נישטאָ ווער ס׳זאָל פון אים פאָדערן דין־וחשבון פאַר יעדן טראָט, מוסר זאָגן, און איבעררעדן אודאי נישט. ווי זאָגט מען, אַ בחור איינער אַליין פּאַקט איין אַ העמד, אַ צוויי־דריי קעלנער, מיט נאָך אַ פּאָר קליינינקייטן אינם טשעמאָדאַנטשיקל, און הײדאַ. די באַנען זיינען תמיד גרייט צו נעמען יעדן, ווו דאָס האַרץ גלוסט.

לייזער דזשאבאַס, דער בעל־בית פון דער פאַבריק, ווו ס׳האָבן געאַרבעט אַ צענדליק מענער, חוץ פרויען, איז געווען אַ נידריק געפּאַקט יידל, מיט ברייטלעכע פּלייצעס און אַ היבש קיילעכדיק בייכל. הגם ער איז נישט געווען קעגן



דעם פלאַן פון טוישן די „האָלידייס“, האָט ער אָבער זיך געקרימט און געוואָרן אין כעס. סטייטש, האָט לייזער אַ זאָג געטון, דער סעזאָן איז נאָך נישט פאַרענדיקט, נאַ דיר אין מיטן דרינען גאָר „האָלידייס“. נו! גיי ווייס, אַז ס׳וועט פונקט אויספאַלן אויף דעם שלים־מזל צו זיין פון די ערשטע.

ער האָט בשעת מעשה אַריינגעלייגט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, אַרויסגעשטעלט ברייטלעך דאָס בייכל זיינס, ביידן אָנגעקוקט מיט בהמה׳שע אויגן און געמאַכט אַזאַ פנים, אַזוי ווי ס׳וואָלט זיך אים געגלוסט צו געבן פעטש. אָבער ער מוז שווייגן. וואָס זאָל ער טון? אַז ס׳איז אַזאַ צייט. זיי האָבן דאָך דאָס וואָרט איצט. ווי זאָגט מען, בעסער געבן זיך אַ קניפּ אין באַק, כדי די פאַרב זאָל שטיין... אפשר איז בעסער אַזוי, האָט לייזער אַ טראַכט געטון. אמת, סאָלי וועט אים איצט אין פאַבריק פעלן, אָבער נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ שנעלער אַרבעטער און קען צו יעדער צייט נאָכקומען זיין פאַרלאַנג. פאַרקערט, משה דער לאַנגער איז תמיד הינטערשטעליק, דעריבער איז אַלעמאָל פאַראַן מניעות, שטערונגען, ווען ס׳האָט פאַר אים זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט וואָס פריער צו געניסן אַ ביסל פיזישן נחת, צו וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט אין משך פון די ווינטער חדשים.

אַ יונגערמאַן איז סאָלי דאַן געווען פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער, דאָס האַרץ זיינס האָט געצויגן צו אַלץ, וואָס איז שיין און יונג. איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין אַזאַ צייט ווען מען טוט גאָר נישט, נאָר מען איז עוסק אין הלכות הגוף און זיך לאָזן ווווילגיין, איז מען מסוגל זער לייכט צו באַקענען זיך מיט מענטשן און ווערן געשווינד באַפריינדעט. ווער שמועסט נאָך מיט שיינע מיידלעך און יונגע ווייבלעך, איז דאָך אויף דער „האָלידיי“־צייט ווי געוווּנטשן. אגב איז סאָלי תמיד געווען גענייגט צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון פרויען, און שטאַרק געהאַלטן פונם ביסעלע עולם־הזה. ווי זאָגט דער עולם, כל־זמן דו לעבסט, זיי נישט קיין בהמה. האָט ער טאַקע נישט פיל געטראַכט און באַשלאָסן צו פאָרן קיין באָרנמוטה, צוליב פאַרשידענע אורזאַכן. ראשית צוליב דער שיינער לאַנדשאַפט, וועלכע מאַכט דעם איינדרוק, ווי די שטאָט וואָלט געווען איינגעפאַסט אין אַ ים פון הויכע סאָסנע־בוימער. ס׳איז אויך וואַרעמער ווי אין אַ סך אַנדערע ערטער, שנית די טעג זיינען גרויס און ער קען דאָרט פאַרברענגען אַ פריילעך שטיקל צייט.

ס׳איז געווען אין אַ זונטיק אין מיטן יוני. אַ צופרידענער איז סאָלי אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, זיך אַרומגעוואַשן, אָפּראַזירט, אויסגעפּוצט זיך ווי אַ פראַנט... אויסצוזען פריש, לייטיש, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ איינעם ווי ער. אפילו מיט פאַרפיום זיך באַגאָסן, נישט פאַרגעסנדיק די רויטע רויז, וואָס ער האָט ספּעציעל געקויפט, אַריינגעשטעקט די בלום אינם לאַץ פון זיין נייע געקעסטעלטע ספּאָרטס מאַרינאַרקע. אַ האָפערדיקער און פול מיט אינערלעכער פרייד איז ער אַרויס אין גאַס.

די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל אַ גנעדיקע, אַ פריידיקע האָט זי גע־

שאָטן וואַרעמע און דערקוויקנדע שטראַלן. די שטילקייט אין די לאָנדאָנער גאַסן און דער שיינער, פרישער יוני פרימאָרגן, און זיין בטחון אויף עפעס אומגעריכטעס, אַלץ האָט בייגעטראָגן צו זיין געהויבענער שטימונג. אַ ניי באַלעבטער פון עפעס אַ געדאַנק... האָט סאַלי אָפגעשטעלט די ערשטע טעקסי, וואָס ער האָט באַגעגנט, מיטן וואַליזקעלע אין דער האַנט איז ער אַריין אין דער טעקסי, אונטערפייפנדיק זיך אַ לידל פאָרנדיק צו וואָטערלו סטיישאָן.

כאָטש ס׳איז נאָך געווען פרי, איז שוין אויפן וואָקזאַל געווען לעבעדיק. מענטשן זיינען געלאָפן, געאיילט, געבייזערט זיך, קינדער האָבן געליאַרעמט, געלאַכט, געטומלט. סאַלי אָבער האָט ווי תמיד ליב געהאַט צו ישוב׳ן זיך, מדחה זיין, קומען אחרי ככלות הכל; דאָס הייסט צו זיין פון די אַזוי גערופענע פאַרשפעטיקטע, כדי אומגעשטערט און באַקוועם אַרומצוואַנדערן אויף דעם האַלב אויסגעליידיקטן וואָקזאַל. אַזאַ טבע ביי אים געווען. נו, טאַקע, וואָס איז דאָ זיך צו איילן? — האָט ער מיט אַ שמייכל צו זיך געזאָגט, ווען דאָס לעבן פליסט אַזוי רואיק, שטיל, פריי פון אַלע פאַבריק זאָרגן, פון לייזער דזשאבאס, פון משה דעם לאַנגען, וועלכער האַלט אין איין קלאָגן זיך אויף זיין שלעכטן מצב. פריי ווי די זינגענדיקע פייגעלעך און ווי די גאַנצע נאַטור אַרום.

ס׳איז אים געווען גוט אויפן האַרצן. משונה ווילדע און פאַנטאַסטישע מחשבות האָבן זיך געפלאָנטערט אין זיין מוח. מיט געמאָסטענע טריטלעך און אַ גליקלעך שמייכעלע אויף זיינע ליפן האָט ער, מעשה פראַנט, געשפאַנט איבערן וואָקזאַל, אָפשטעלענדיק זיך ביי די פאַרשידענע אויטאָמאַטישע מאַשינען, אַרויסציען פון דאָרט קליינע פעקלעך מיט ציגאַרעטן, שאָקאָלאַדקעס און אַנדערע זיסקייטן, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט. געוויגן זיך און מיט אַ מינע פון צופרידנהייט פונם רעזולטאַט, אַרומשפאַצירט, אַלץ גרינדלעך באַטראַכט ווי אַן אמתער פילאָזאָף.

אָבער, אַממיינסטן האָט ער ליב געהאַט לאַנג צו שטיין ביי די פאַרשידענע מאָדנע אַפישן, וועלכע זיינען אויף די ווענט געווען אויסגעקלעפט און באַטראַכטן זיי אין אַלערליי פאָזעס. הלמאי איך בין ערגעץ אויף אַן אויסשטעלונג, האָט ער ביי זיך געטראַכט.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט געגעבן אַ לאַנגען און טיפן ברום, אַזוי ווי אַ לייב וואָס פאַלט אַריין אין אַ פאַסטקע, וועלכער איז גרייט אַ מערדערלעכן שפרונג צו געבן. דער קאָנדוקטאָר האָט אַ שאַרפן דורכדרינגלעכן פייף געטון. אין דער רעכטער בהלה, פון די פאַרשפעטיקטע, מיט די פעקלעך אין די הענט, לויפנדיק אין גרויס געאייל, איז סאַלי, געטריבן פון עפעס אַן אינערלעכן געפיל, כמעט אָן אָטעם אַריינגעשפרונגען אין איינעם פון די וואַגאָנעס פון צווייטן קלאַס, ווען די באַן האָט אָנגעהויבן רירן און גענומען הוזשען.

דאַרף זיך טרעפן, אַז אין דעם דאָזיקן קאָמפּאַרטמענט ווו סאַלי איז אַריין, איז געזעסן אַ יונגע שיינע פרוי, אַ שלאַנקע מיט בלויע לעבעדיקע אויגן, וואָס ווילן זיך אַריינקלויבן צו יענעם אין האַרצן אַריין. זי איז געזעסן ביים פענסטער



אָנגעשפאַרט אויף איר רעכטן עלנבויגן. קייגנאיבער זיינען געזעסן צוויי גאָר יונגע מיידלעך,ביידע ענלעך איינע צו דער צווייטער, ווי צוויי טראָפן וואַסער, ביידע איין וווקס, איין אַרט רעדן, דער זעלבער אויסדרוק פון זייערע אויגן און די זעלבע באַוועגונגען, ביידע בלאָנדינקעס און פול מיט יוגנט־לוסטיקייט, ביידע גלייך געקליידט, מיט איין וואָרט, גלייך ווי אַ מאָלער האָט זיי ביידן געמאָלט לויט איין מוסטער.

סאַלי איז געבליבן שטיין פאַר אַ רגע ווי צעטומלט, צעלייגט דערנאָך זיינע זאַכן אויף דער פאָליצע, און צופרידן וואָס ער איז נישט אַליין, מיט אַ שמייכל זיך אַוועקגעזעצט, איבערגעבנדיק זיך דעם אומרואיקן שטראָם פון זיינע מחשבות, וועלכע האָבן געפלאָנטערט אין אַ געמיש פון געפילן און גערעגט זיין נייגיריקייט.

די באַן איז געלאָפן מיט אַ פאַרצווייפלטע שנעלקייט, ווי געטריבן פון בייזע רוחות. די רעדער האָבן מיט אַ געקלאַפער איינע די אַנדערע געיאָגט: „גיכער! גיכער!" פאַרביי פעלדער, שטיקער וואַלד פאַסן און איינצלנע בוימער, איבערלאָזנדיק דעם איינדרוק, ווי די בוימער, קזשאַקעס, טעלעגראַף סלופעס און פאַרקאַנעס כאַפן אַרום איינס דאָס אַנדערע, באַהעפטן זיך און בלייבן שטיין אַזוי, אייביק צווישן הימל און ערד.

פאַראַן זאַכן, וועלכע מען קען נישט דערקלערן ביים ערשטן מאָל, נאָר עס בלייבט תמיד איינגעקריצט אינם געדאַנק. דאָס איז געווען די בליץ־שנעלע באַקאַנטשאַפט, וואָס סאַלי האָט געמאַכט מיט דער יונגער פרוי און די צוויי מיידלעך. אָנגעהויבן האָט עס זיך פון אַ קלייניקייט: ווי האַלט דער זייגער? — האָט זי כלומרשט אַ פרעג געטון, און באַלד זיך צערעדט וועגן דעם מלכותדיקן זומער טאָג, וואָס מען זעט אין לאָנדאָן אַזוי זעלטן. דער שמועס איז וואָס ווייטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ביז גאָר נאָענטע פריינטשאַפט, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַנדערע ווערטער און אַן אַנדערע באַציאונג. נאָך די אַלע פאָרמעלע פאַרשטעלונגען און אַראַנזשירונגען, ווו זיך צו טרעפן, האָבן זיי צווישן זיך אָפגעמאַכט נישט צו דערמאָנען פון קיין פאַרגאַנגענהייט אָדער צוקונפט און נאָר צו לעבן מיטן היינט, מיט דער מינוט און רגע.

מאַרגערייט, ווי זי האָט זיך גערופן, איז געווען אַ פריילעכע, איר פנים איז געווען ווייס, פול מיט אַ לייכטן חן. זי האָט אין דעם זומערדיקן מאָרגן אויסגעזען יונג און שפּילנדיק. מאַרגערייט איז געווען פו ן די פרויען, וועלכע האָט ליב געהאַט אַ סך צו רעדן, און מייסטנס נאָר פון זיך. כאָטש זיי האָבן צווישן זיך אָפגעמאַכט נישט צו דערמאָנען מיט עפעס פון זייער פריוואַט לעבן, האָט סאַלי אָבער באַלד דערפאַרן, אַז זי איז אַן אלמנה, שוין דאָס זיבעטע יאָר, אין גאַנצן אַלט אַן ערך פון 38 יאָר. און ווי עס פירט זיך האַלטן אירע פריינט און קרובים כסדר איר פאָרלייגן שידוכים. אָבער זי האָט אפילו נישט געוואָלט הערן דערפון, טאַקע צוליב די צוויי מיידלעך, אירע געליבטע טעכטערלעך, אַנעט און העלען, וועלכע זיינען נישט קיין צווילינג, ווי ס׳קען זיך אינם ערשטן אויגנבליק אויסדאַכטן.

דעם אמת געזאָגט, האָט סאָלי גענומען טראַכטן, אפשר זיינען די אַלע ווערטער געווענדעט נאָר צוליב אים. ער האָט פלוצלינג דערפילט, ווי אין זיין דמיון וועבט זיך עפעס אַ מאָדנער געדאַנק... אַן אומפאַרשטענדלעכער, ער האָט זיך פאַר אים אי געשעמט, אי מורא געהאַט, ווי פאַר עפעס שלעכטעס, אין וועלכן ס׳איז שווער זיך מודה צו זיין אפילו פאַר זיך אַליין... און ביי זיך געטראַכט, וואָס פאַר מאָדנע באַגעגענישן עס טרעפט זיך אין לעבן.

די גאַנצע נאַכט האָט סאָלי נאָך דער פלוצימדיקער באַקאַנטשאַפט מיט די פרויען אין באַן קיין אויג נישט צוגעטון. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט נאָר וועגן זיי. אַ קוואַל פון עפעס הייסעס און ליבעס האָט זיך געוויקלט אַרום זיין נשמה און געשטראָמט אין זיין האַרצן. פוי, האָט ער צו זיך אַ זאָג געטון, די דריי קריכן אים גאָר פון קאָפ נישט אַרויס. אַלע דריי שטייען זיי פאַר ליב די מיידלעך האָט זי נישט געוואָלט הערן וועגן אַ שידוך, האָט כסדר און מאָדנע געקלונגען אין זיינע אויערן; נאָך קיינמאָל האָט ער אַזוי נישט געפילט זיינע אויגן. די צווידייטיקע ווערטער פון דער 38־יעריקער מאַרגעריט, אַז צו־זיך אין זיין לעבן.

ביים ים האָבן די צוויי שוועסטערלעך, אַנעט און העלען, אַרומגעשוועבט ווי צוויי פייגעלעך, און געלאָזט פליען זייערע העלע קליידלעך און קאָלירטע קאָפ־טיכלעך אין דער לופט. דאָס יונגע לעבן, וואָס האָט געווימלט אַרום זיי, דאָס פריילעכע געלעכטער, דאָס לויפן, זינגען, פון וועלכן ס׳מאַמעלע איז ווייט נישט אָפגעשטאַנען פון זיי, האָט אים אין גאַנצן פאַרשיכורט, און געפאַנגען אים אין זייער נעץ — איז דאָך לייכט צו פאַרשטיין, אַז ער האָט זיך אין זיי פאַרליבט.

סאָלי איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געוואָרן אַן אָפטער איינגייער צו זיי אינם באָרדינג־הויז, ווו זיי זיינען איינגעשטאַנען, און פאַרבראַכט מיט זיי די צייט. איין געדאַנק האָט אים געמאַטערט, ער קען דאָך נישט ליב האָבן אַלע דריי, דערצו נאָך אַ מוטער און צוויי שוועסטער. נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת האָט ער באַשלאָסן אין גאַנצן זיך ווידמען אַנעט, וועלכע איז געווען מיט אַ קנאַפ יאָר עלטער פון העלען.

אין די אָוונטן איז סאָלי געגאַנגען מיט אַנעט שפאַצירן. און ווען זיי זיינען געקומען טיף צווישן די געדיכטע סאָסנע ביימער, האָט מען אַ ביסל געשטיפט, געלאַכט און געשפילט אין באַהעלטעניש. מידע פון גליק, פלעגן זיי זיך אַוועקזעצן אויף דער ערשטער באַנק, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן, האַלטנדיק איינער זיין האַנט אין דער צווייטנס. זיין נשמה האָט אין די גליקלעכע מאָמענטן אָנגעטאַפט די גאַנצע טיפעניש פון איר מהות, די טיפקייט פון אירע אויגן. ער איז געבליבן ווי געפלעפט פון איר שיינקייט, וואָס האָט געאָטעמט מיט יוגנט־לופט, און ביי זיך געטראַכט, ווי אַנגענעם ס׳איז צו האָבן נעבן זיך אַזאַ יונגע צאַרטע נשמה, אַ נאָענטע! געטריבן פון אַן אינערלעכן פאַרלאַנג אויסצוגיסן פאַר איר זיין האַרץ, האָט סאָלי דערקלערט זיך אין ליבע, אַנטפלעקט פאַר איר זיינע אינ־



טימסטע געפילן... אַנעט, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, און ווי פאַרשיכורט פון זיינע ליבעס דערקלערונגען, האָט זיך געטוליעט צו אים אַלץ מער און מער, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט באַהאַלטן פון זיך עפעס אַזוינס, וואָס האָט זי געשראָקן. ער האָט דערפילט, ווי איר יונגע ברוסט באַוועגט זיך הינטער איר ווייס זיידן בלוזקעלע, דערפילט דעם ריח פון איר יונגען קערפער וועלכן ער האָט מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס. די צייט איז געשווינד געלאָפן. פאַרשיכורט פון דעם פאַנטאַסטישן אָוונט, האָט ער געפילט ווי אין גן־עדן.

איז דאָך גוט, האָט אָבער זייער ענלעכקייט אַ סך אומאַנגענעמלעכקייטן אים פאַרשאַפט. ער פלעגט זיך אפילו מאַכן פאַרשידענע סימנים, כדי צו קענען זיי אונטערשיידן: סאָלי האָט זיך גוט איינגעקוקט אין זייערע באַוועגונגען, אין זייערע מיילעכלעך, אויגן, נעגל פון די פינגער א.אַז.וו. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. נו, טאַקע, גיי זיי אַ נביא און דערקען ווער פון זיי איז אַנעט, און ווער איז העלען. אַסך מיספאַרשטענדנישן זיינען צוליב דעם גאַנץ אָפט פאָרגעקומען. ס׳האָט אים געקאָסט אַ סך מי ביז אַנעט האָט זיך געלאָזט איבערבעטן. כדי אויסצומיידן אַ סך פאַרדרוס, האָבן זיי יעדע נאַכט באַשלאָסן אויף אַן אַנדער אָרט, ווו זיי זאָלן זיך טרעפן.

עס איז אים אָבער נישט געווען באַשערט, ווייזט אויס, דאָס גליק, און ס׳איז געשווינד געקומען צו אַ קאַטאַסטראָפע. הערט אַ מעשה:

זיצנדיק אַזוי איינמאָל אויף זייער מער באַליבטן אָרט ביז די שפעטע שעה׳ן פון דער נאַכט, פאַרטיפט אין געדאַנקען וועגן דער נאָענטער צוקונפט, האָבן זיי לגמרי פאַרגעסן צו מאַכן די נויטיקע אַראַנזשירונגען, ווו זיך צו טרעפן דעם מאָרגנדיקן אָוונט. נאָך אַ לאַנגע צייט וואַרטן אויף איר און שטאַרק איבערטראַכטן, וואָס ס׳האָט געטראָפן — אפשר איז עס דער נעכטיקער אַרגומענט; — האָט ער געטראַכט — האָט סאָלי ביי זיך באַשלאָסן אויסצוגעפינען די אורזאַך דערפון.

ווען ער איז געקומען צו זיי אין באָרדינג הויז איז שוין געווען היבש שפעטלעך. סאָלי האָט שוין געטראָפן אַלע שלאָפן. נאָר איין מיידל איז נאָך געוואַך. זי איז געזעסן ביים פענסטער אין דער האַלב טונקעלער שטוב און געמישט אַ פאָטאָגראַף־אַלבום. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו איר, זי אָנגענומען ביי דער האַנט, צוגעבויגן זיך צו איר, כדי צו געבן איר אַ הייסן קוש. ווי דערשטוינט איז ער געבליבן, זעענדיק ווי זי כאַפט אַוועק האַסטיק דעם קאָפ פון זיינע אויסגעשטרעקטע ליפן, וואָס זיינען געבליבן הענגען אין דער לופט, ווי אָפגעפאַטשטע. זי האָט געשווינד אַרויסגעריסן איר הענטל פון זיין האַנט, און אים געגעבן אַ קוק אָן מיט אַ פאָר בייזע אויגלעך, אַז דאָס בלוט איז אין אים פאַרגליווערט געוואָרן.

די ערשטע מינוטן איז ער געבליבן ווי פאַרשטיינערט: וואָס הייסט? דאָס זאָל גאָר זיין נאָך אַלע ליבעס דערקלערונגען? סאָלי האָט באַלד פאַרשטאַנען

זיין אומגליק: דאָס היינטיקע מיידל איז גאָר געווען העלען, אַנעטס שוועסטערל. ער האָט גאָר נישט געזאָגט, אַריבערגעטראָגן זיין צער שטיל און אָן זיי־געזונט פאַרלאָזט די שטוב, ווו ערשט נעכטן איז ער דאָרט געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט, און ער איז מער נישט צוריקגעקומען.

פון דעם צופאַל האָט סאָלי אָפּגעלערנט אַ מוסר־השכל: זיך נישט צו שפּילן אין ליבע מיט מיידלעך, וועלכע זיינען ענלעך איינע צו דער צווייטער ווי צוויי טראָפּן וואַסער, כאָטש זיי זיינען שוועסטער, כל־זמן זיי פאַרמאָגן הינטער די גלייכע בלוזקעלעך צוויי באַזונדערע הערצער... סאָלי וואָלט אָבער זיכער נישט געווען געקומען צו אַזאַ פּשוטן מוסר־השכל ווען פון דער געליבטער דער קוש בטעות וואָלט נישט געווען געקומען נאָך אַ שווער מיספאַרשטענדניש, מיט דער ריכטיקער געליבטער אַ נאַכט פריער.

## שמואל ווהייט

### אַ זומער־ליד

קום, אַ קום און טרינק מיך אָן,
מיט דעם זיסן זאַפט פון זיין;
היינט וויל איך שיכור ווערן,
פאַרגעסן אין לייד און פיין,
און אויב עס וועלן פליסן טרערן,
וויל איך זיי צוזאַמען שלינגען,
מיט דעם רויט שוימיקן וויין.

לען צאַרט דיין קאָפּ אויף מיין ברוסט
און דערפיל מיין האַרצענס טיק
דאָרט וועסטו באַלד דערהערן
דאָס שטילע געזאַנג פון גליק —
— באַגלייט פון פריידנס טרערן.

קום, קום און טרינק מיך אָן,
מיט דעם זיסן זאַפּט פון זיין;
היינט וויל איך שיכור ווערן,
פאַרשווינדן זאָל לייד און פיין,
צוזאַמען מיט די טרערן.


פריינט פון יידיש לשון

דינסטיק, דעם 12־טן יולי, 7.30

אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

אַ באַנקעט לכבוד שמואל ווהייט

צום דערשיינען פון זיין ניי בוך

פאַמאַכעט דער כעלעמער פאָעט

רעדעס און באַגריסונגען ביי געדעקטן טיש

איינטריט 2/6






## זיי שיכור!

זיי שטענדיק שיכור. אַלץ איבעריקע איז נישט וויכטיק. אויב דו ווילסט נישט אַז די גרויזאַמע לאַסט פון צייט זאָל הענגען איבער דיינע פּלייצעס און זאָל דיך אַראָפּדריקן צו דער ערד — זיי שטענדיק באַטרונקען.

באַטרונקען מיט וואָס? מיט וויין, מיט פּאָעזיע, אָדער מיט טוגענט, ווען דו ווילסט. אָבער — זיי שיכור!

אָפּטמאָל, אויף די טרעפּ פון אַ פּאַלאַץ, אָדער אויף דעם גרינעם גראָז פון אַ לאַנדשאַפט, אָדער אין דער מאָנאָטאָנער לאַנגווייליקייט פון דיין אייגן צימער, ווען דו דערוואַכסט און די שיכרות איז האַלב אָדער אינגאַנצן אויסגעוועפּט אין דיר — פרעג ביים ווינט, אָדער ביי דער כוואַליע, אָדער ביי דעם שטערן, אָדער ביים פויגל, צי גאָר ביים זייגער; פרעג ביי אַלץ וואָס פליט, זיפצט, זינגט, רעדט; פרעג וואָסאַראַ שטונדע עס איז; און דער ווינט, כוואַליע, שטערן, פויגל, זייגער — וועלן דיר ענטפערן:

„עס איז די שטונדע צו זיין באַטרונקען! זייט שיכור, אויב איר ווילט נישט זיין קיין געמאַסטערטע שקלאַפן פון צייט! זיי שטענדיק שיכור! מיט וויין, מיט פּאָעזיע, אָדער מיט טוגענט, ווען דו ווילסט!...

## פענצטער

דער וואָס קוקט אַריין אין אַן אָפענעם פענצטער, זעט קיינמאָל נישט אַזוי פיל זאַכן, ווי דער וואָס קוקט אַריין אין אַ פאַרמאַכטן פענצטער. קיין שום זאַך איז נישט מער טיפער, מער מיסטעריעזער, מער פורכטבאַר, מער טרויעריק און מער בלענדענדיק, ווי אַ פענצטער, דורך אַ ליכט באַלויכטן. דאָס וואָס מיר קענען זען אין זיין ליכט איז שטענדיק ווייניקער אינטערעסאַנט ווי דאָס וואָס מיר קענען זען דורך דעם גלאָז פון אַ פענצטער. אין דער לויכטענדיקער צימער טיפעניש לעבט דאָס לעבן, טרוימט דאָס לעבן, ליידט דאָס לעבן.

איבער די כוואַליעס פון דעכער קען איך זען אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, איינגעשרומפן, אָרעם, שטענדיק אָנגעלענט אויף עפּעס, און זי גייט קיינמאָל נישט אַרויס פון צימער. פון איר פּנים אַראָפּ, פון איר קלייד, פון איר אויפפירונג, פון כמעט גאָרנישט, האָב איך פאַרטיק געמאַכט די געשיכטע פון דער פרוי. און טיילמאָל זאָג איך איבער די געשיכטע צו זיך אַליין מיט טרערן.

ווען עס וואָלט זיין אַן אָרעמער, אַלטער מאַן, וואָלט איך פונקט אַזוי געקענט מאַכן זיין געשיכטע.

און איך גיי צו בעט — שטאָלץ צו האָבן געלעבט און געליטן אין אַנדערע מענטשן.

אפשר וועט איר זאָגן:

„זענט איר זיכער אַז עס איז די אמתע געשיכטע?" וואָס איז דער אונטערשיד, וואָס מאַכט דען אויס יעדער מין רעאַליטעט — אויסער מיר, אויב עס האָט מיר געקענט העלפן צו לעבן, צו פילן אַז איך בין, און, וואָס איך בין.

### ש. זאַלקין

## אין פעלד

ניגונים פון טרויער איך וויל מער נישט הערן,
ניט זען קיין בילדער פון פיין,
ניט מעסטן די ימים פון מענטשלעכע טרערן,
וואָס פליסן אין שלאַכט פאַר דאָס זיין.

פאַרלאָזן די שטאָט און די טומלענדע גאַסן,
און ווייט ערגעץ לויפן אין פעלד,
וווּ זעלטן באַגעגנסט אַ פנים אַ בלאַסן,
אַ קערפּער געבויגן צו דער ערד.

און קיינער עס קומט דאָרט מיט יאָמער געזאַנגען,
צו בעטן אַ גראָשן אויף ברויט,
פרעמד איז דעם פויגל די שטאָטישע קלאַנגען,
דער שמעטערלינג דחקות אין נויט.

דאָרט ווינטעלעך קילע עס בלאָזן און שטיפן,
מיט זאַנגען און כוואַליעס אין טייך,
און זוניקע שטראַלן פון הימל דעם טיפן,
צינדן אָן פעלדער פאַרביק און רייך.

אויפן גרינינקן גראָז דאָ לייג זיך אַנידער,
אין הויכן לאָז בלאָנדזשן דיין בליק,
דאַן וועסטו דערהערן די עכאָס פון לידער,
אַקאָרדן פון הימל־מוזיק . . .

די ווינטעלעך, בלומען אין גאָלדענע פליגן,
זיי וועלן פאַרוויגן דיך שטיל,
און פון זוניקן טאָג דער זיסינקער ניגון,
וועט וועקן אַ נייעם געפיל.

און אָנהויבן וועלן די סטרונעס צו שפּילן,
אין האַרצן פון יוגנט מיט דראַנג,
די דעמערונג שעהן זיי וועלן פאַרהילן,
אין כישופס פאַנטאַזיע פון קלאַנג.

און נאָך דעם וועסט זינגען פון פעלדער און שטערן,
פון פויגל, פון בלומען אין שיין,
מיט טרייסטפולע לידער וועסט ווישן די טרערן,
פאַרטרייבן די שאָטנס פון פיין.



### א. נ. שטענצל

## ווייטשעפל

* * *

אַ שפּרינג־ברעט פאַר געראַטעוועטע ביזט געווען,
ווייטער צו שווימען, ביז פון שיפן אויפגענומען;
די אַרויסגעוואָרפענע, דערטרונקענע,
אויפן ברעג דאָ צו קבר ישראל צו קומען.

מאַנכע נשמות, מאחורי־הפרגוד,
דרייען זיך נאָך אַרום אויפן עולם הדמיון;
וואַרטן אויף אַ תיקון, אַ „אל מלא רחמים“,
כאָטש אַ פּאַסנעם קדיש מיט אַ באַצאָלטן מנין.

מיט דיין ווייַ דו האָסט דיך פאַרטשעפּעט, ווייטשעפּל,
צווישן הייליקע שטעטלעך וועסט בלייבן אַ שטעטל,
און ווען נישט קיין מצבה מיט אַ תנצב״ה,
שרייבן נאָך דיר כאָטש אַ פּה־נטמן אויף אַ ברעטל.

### 1. „דער רבי זאָל לעבן“

אָפּגעשלאָגענע, וואָס קוקן אויס ווי בני אדם,
אויסגעאַרבעטע שניידער ביז צום לעצטן פאָדים,
אין ברוסט נאָר גיט די נאָדל נאָך אַ שטאָך;
מען בלאָזט שוין נישט אויפן הייסן אייזן —
אויף לעצטן פייפנדיקן לונגען־לאָך.

אַז וואָס האָבן זיי נאָך צו האָפן, וואָס צו וועלן,
איז אויף אַ הינטל, אויף אַ פערדל כאָטש צו שטעלן!
אַזוי קומען **זיי אין קאָפּע אַריין**,
פון וויסטער שטוב ווער, פונם בייזן ווייב,
און וואַרטן אַז „דער רבי“ זאָל קומען צו גיין.

דעם ריכטיקן „ווינער“ אַליין קענען אויסזוכן,
ביים „בוק־מייקער“ בכבודו ובעצמו צו בוכן,
מוז מען דאָך די קליינע אותיות פאַרשטיין,
די גוישע „פּעיפּערס“ קענען לעזן,
און דאָס קאָן נאָר „דער רבי“ אַליין.

אַזוי־אָ רופן זיי אים „דער רבי זאָל לעבן“!
איך וואָלט אַלץ אַלע לאָנדאָנער „ראַביים“ פאַרגעבן,
ווען עס וואָלט נאָך פון זיי עמעצער ווער,
אין אַ יידיש ספר זיך פאַרזינקען,
ווי אין די הינטלעך און פערדלעך — ער.

ווי אין שטיק זוהר, פון „הנך כלבא דכזיפין״,
טוט ער להבדיל אין די „רייסעס״ זיך פאַרטיפן,
ביזקל דעם ריכטיקן „בעט״ ער זוכט אויס;
זיי קוקן צו אים מיט לעצטן גלויבן,
און נעמען שנעל די שילינגלעך אַרויס.

אַ גאַנצן טאָג וואַרט מען ביז ס׳פערד איז געלאָפן!
אויב נישט אויף „ליטל ייד״, אויף וואָס שוין צו האָפן?
נישט זיי ווייסן אויף וואָס ער האָט געשטעלט,
נישט זיי ווייסן וועלכעס איז דערלאָפן,
הינטערן טיש שטופט ער זיי אין האַנט אַריין ס׳געלט.

„דער רבי״ ווייסט שוין, ווער עס זאָל און מוז געווינען,
ווער אַמנויטיקסטן עס דאַרף — דעם האָט ער אין זינען!
ווי זיי גלויבן אין אים, און ר׳איז עס ווערט.
ווייטשעפל, אַז קיין אַנדערן דו האָסט —
כאָטש אַ „רבין״ פון הינטלעך און פון פערד!

יאָ, דער „בוקי״ איז נאָך דערצו אַ שאַרפער חריף!
ווייסט ער ווער די „פעני״ אַמנויטיקסטן „באַדאַרעף״,
און ווער גלאָט אַ „געמבלער״ אויף גאָטס באַראָט;
און נישט איינמאָל שטופט ער גאָר אונטערן טיש,
אין אַ יד אַריין וואָס נישט געשטעלט האָט...

„ווען איך האָב נעכטן שפּעט דעם ׳פייוואָריט׳ באַקומען
האָב איך דיך פאַר אַ שטילן שותף גענומען
און זעסט ביזט טאַקע מזלדיק געווען —״
— — — — — — — — — — —
און דער מופת דערפון, וואָס ס׳איז אמת,
דאָס וואָס „דער רבי״ זאָגט טאַקע געשען.

## 2. באַלאַדיש

ווי רוצחים אין דער נאַכט ויברח געמאַכט,
אַז גאָר נישט צו זוכן דאָ מער;
אָבער ווי צום פלאַץ פון זיין קרבן דעם מערדער,
ציט עס רק צוריק דאָ אַהער.

ווינקלדיק־ווינקנדיק, גנביש־צעוויצלט,
ווען מ׳טרעפט זיך אין באַשטימטער שעה:
קודם אַ קוק צו טון, ליגט נאָך דער בר־מינן,
און צי עפּעס זאַק־רויב ס׳איז דאָ?



זיצט מען געמאַסקירט, נישט דערקענט צו ווערן,
און וואָס מען רעדט איז מן הצד;
אַ קרום רכילותל, אַ שיף חניפהלע,
און די אויגן פולע מיט חשד —

איינער האָט דעם זאַק־רויב צונעמען מוזן!
רייסט זיך ווי אַ מעסער פון אַ שייד — —
אָבער איידער נאָך, ווי רוצחים פאַרשכורטע,
בלוטיק ס׳באַפאַלן זיך רייד,

מיט טרערן אין די אויגן, מיט רחמנות פול,
פון זיין פלאַץ דער טויטער שטייט אויף.
און טרושיקלעך לייטישע, אַרום טישל שטיל:
ווער זיך געקענט ריכטן דערויף?

און זע, ס׳טישל הייבט זיך קוים, און באַוועגט זיך לייכט,
און דייטלעך קלאָר הערן זיך קלעפּ,
און אַלע וואָס זיצן אַזוי לייטיש אַרום,
לאָזן ראַפּטים אַראָפּ די קעפּ.

## 3. אונזער קאפע-טישל

(צום ערשטן יאָרצייט פון אסתר קרייטמאַן)

אויסצוטאַנצן דעם לעצטן „שדים־טאַנץ״,
דאָ צווישן אונז אַז ס׳איז איר געלונגען,
נאָר זכות־אבות זיינען איר בייגעשטאַנען;
אָ, אַזוי טיף אין זיך צו אַנטלויפן,
פון וואַנען ווייטער שוין מ׳קאָן מער נישט שפּאַנען.

אויף אייגענעם לייב און לעבן דעמאָלט,
ווי אויף דער לייטער אין הימל אַריין,
אַלץ תהומיק טיפער מען נעמט שוין שפּרייזן!
דאָס לעצטע מאָל געזעסן מיט איר דאָ,
געוווּסט, נאָר דער טויט נאָך קאָן זי דערלייזן — —

ס׳ליכטיקע קרייזן אין אירע בליקן,
אין רויך־קנויל פון קרעמאַטאָריום־אויוון —
ס׳פלאָנטערט זיך איר האַרץ אַ פאַרקנוילטס אין קניפּן!
קליינע שדימלעך, אין קעצלעך פאַרשטעלט,
טאַנצן דעם טויטן־טאַנץ אויף אירע ליפּן.

(יוסף הלל לעווי)

ווי ער וואָלט אַקאָרשט פון מקוה געגאַנגען,
אַ שם הויה אין יריעה צו שרייבן,
אויסגעזען ווען אין קאַפע אַראָפּגעקומען ;
זיינע בלויע איבערלאָפּענע אויגן,
ווי פונם תיקונדל פאַרטיפט אַרויסגענומען.

און ווען גענומען ריידן איבער יידיש — —
אַ פאַרמעט צעשריבן האָט זיך זיין פנים,
פייערדיקע תגין שפּריצן זיינע אויגן !
ווי זיין געהייליקטער טאַטע, דער סופר,
איבער אַ צעוויקלטער יריעה געבויגן.

יינגלעך אונטער מלאך־הגואל־טלית,
ראָזשינקעס און מאַנדל־געשיט איבער קעפּ,
און דאָס קאַפע רוישט — שמחת־תורה ביים ליינען !
בלויז זיינע בלוי־איבערלאָפּענע אויגן
זעען אויס, ווי זיי האַלטן אין איין באַוויינען.

(קייטי בראון)

האָט זי געטראָגן היינט אַ פרישינק שפּילקעלע,
איז דערפאַר מאָרגן אַ שפּאָגל־ניי בראָשקעלע ;
אַ חוש נישט נאָר פאַר הומאָר בלויז — אויך פאַר קאָלעגן !
„פון וועם קייטי דאָס פּאַטשערקעלע באַקומען ?“
אויפגעשיינט האָט זי ביים האַלב־שמייכלדיקן פרעגן.

איך פלעג ליב האָבן צו קוקן, ווי מיט פאַלמען,
שרייבעריש געזעסן ביי אַ קאַפע טישל,
פאַצעטיש פאַרצויגן אַ ציגאַרעטן רויכל,
און אין גאַס, ווען איר פוס קראַנק אַ גליטש געטון האָט,
געמאַכט זוכן גאָר דעם באַנאַנען־שאָל—דעם שטרויכל . . .

פאַלמע ווי לאַנג ערשט טויט, שוין לענגער פאַרגעסן,
און מיר אַלע ווי עליו־השלומדיק שוין — — —
צומאָל דאַנטע, נאָר אייביקער ווי זיינע ליינער !
און איר „ווייטשעפּל לאַכט“ וועט אומשטערבלעכן,
ווי לאַנג פון אירע לעזער ס׳וועט נאָך לעבן איינער.



## 4. אויף דער ווייטשעפּל פּאַטשענע

די ברייטקייט פונם טראָטואַר דאָ, דאָס רחבות,
מיט צוועלף אין דער ברייט זיינען מיר געגאַנגען ;
קייזער און קעניג, די מייער־סוויטע נאָ־שפּיץ,
אין רינשטאָק פאַרשטופּט זיין מאַיעסטעט דער פּאָעט,
סקאַנדירט דעם שריט מיט סקאַנדאַלן נ׳געזאַנגען.

פוקס און קאַץ און מייזל און ליסקי און טיגער —
אַ וואַרעמע נאָרע אַמאָל געווען !
איצט מ׳דרייט זיך אַרום דאָ מיט עק צווישן די פיס,
די אייגענע ביינער כאַטש אַרומצוגריזשן,
די ווייטשעפּל קעץ ס׳ליד אַדורכצולעזן.

נאָר נישט אויף דער זייט אַרויף, ווו „די צייט“ דאָרט שטייט,
אַ פאַרהאַקטע מיט נעגל און מיט ברעטער —
אַ מת אינם ארון זיין רעכט נאָך צו טון !
אַז איך גיי די שדים־חורבה אַמאָל נאָך פאַרביי,
מיין בליק אַ טרערן־פאַרגאָסענער ווערט ער.

## 5. יאָרמאַרק־גערויש

ס׳רייסן זיך ביימלעך פון אַספאַלט — פייגל נ׳נעץ !
קיין בלימל נישט, נישט דאָס מינדעסטע גרעזל ;
אונטער אַ שטאַנג פון אַ סטראַגאַן פאַרשטעקט,
שטייט אַ ראָט אויף אונטערשטע צוויי פיסלעך,
שמעקט די לופט ווי אַ האָז און רייבט זיך ס׳נעזל —

פונם שפּיטאָל, פון אקייגנאיבער דאָרט,
אַ האַלב פאַר׳סמ׳טס געקומען ס׳איז צו לויפן !
עס ניוכעט, מיט די אייגעלעך ס׳פינטלט :
פאַר אַ חולה, וואָס ליגט דאָרט מסוכן,
מסתם, בוקעט בלומען געקומען קויפן.

אויטאָס און באַסעס שטויב־ און בענזין געשטאַנק — —
ווי סאָסנעס אָבער, ווי דעמבעס די יונגען !
שבת־אויבסטיק צעשמעקט די לופט אַרום !
צוויי פלאַטן־ביידלעך שרייען־זיך־איבער —
פייגל אויף צווייגן וואָלטן זיך צעזונגען.

## 6. שטיל-לעבן

די „בערעס" מיט די פרוכטן ווי זיי פאַרכאַפּן דאָס אויג!
נישט אַזוי מיט דעם שלל פון די קאָלירן,
דאָס מאַטע גרין פון באַנאַנעס, בלוי פון די טרויבן,
צי די שאַכטלעך וואָס די טייטלען באַצירן —

ס'זיינען די עפּל- און די פּאָמעראַנצן-פּיראַמידן,
ווי אויסגעסדרט געברענגט זיי צו פירן!
דער גרעסטער רענעסאַנס- און היינטצייטיקער-מאָלער,
נישט שענער אַ שטיל-לעבן מאָדעלירן.

## 7. דער „רבי'לעך" פאַרקויפער

אין אַ קאַלטן נעפּל טאָג, אין רעגן
און אין די היצן, ווען די זון טוט ברענען,
אויסצופאַרקויפן אַ „בערע" ניסלעך,
אין איין „שמע-ישראל" — דאָס מוז מען קענען!

„מאַנקי-נאַטס", „ארץ-ישראל ניסלעך",
ווי קען מען דאָס מיט „רבילעך" פאַרגלייכן!
זיצט נישט אין יעדן ניסל אַ רבי,
פאַר ריכטיקן נאָמען דער בעסטער צייכן?

ווען ער נעמט אויסזינגען הויך זיין סחורה,
די ווינדער פון די „רבי'לעך" דערציילן,
גייען די „טיטלעך" ווי אַ מזמור שיר,
די הענט טוען אים ווי פון בלויסן אויסטיילן.

אָנשיטן, וועגן מוז שוין ווער העלפן,
ערשט די פעניס נעמען, רעשט-געבן, ציילן!
גאַנץ ווייטשעפל נאָך אַמאָל פאַרפלייצן,
פון שאַלעכץ די „רבילעך" אָפּצושיילן.

## 8. היימישע פיש

באמת, לעמבערג הינטערן שול-הויף
האָט קיין שענערע פישערקע נישט געקענט האָבן,
און אויב נישט מיט טויט-קללות לויט אלף-בית,
מיט איר ענגעליש קאָן זי אַ לעבעדיקן באַגראָבן.

צוויי מייל פון דערוויטנס שמעקט ווייטשעפּל,
פון אירע לעשטשעס בלויז און ערשט פון אירע סאָנדאַקן!
די „לעדיס" פון קריקלווד און פון הענדן,
צאַפּלען אָן ווי געצויגן אויף וועגטקע-האַקן.



ווי ס'וואַסערט אונטער לעפעלע פון האַרץ —
געפילטע פיש, אַ שטיק קאַרפּ, כאָטש אַ פלאָטקע קעפּל!
פולע טאַרבעס, ווייבערישע פלאָטקעס,
ברענגען זיי אַהיים, כאָטש צו פאַרקאָכן אין טעפּל —

זע נאָר יענע, וואָסער יחסן געוואָרן
פון דער פישערקע, די קאַרפּן, די גרעסטע שטיקער,
ס'זינדל, דאָס תכשיטל כאַסלערע געהאַט
מיטן שכנס שיקסל, דעם „האָנאָרבל" שכור —
— — — — — — — — — — —

נישט מער אין מקווה, נישט אין ווייבער-שול —
דער פיש-מאַרק האַלט זיי נאָך ווי אויף וועגטקעס געפאַנגען!
פונם פיש „יוסף חצי דג מצא",
זיינען זיי מסתם אַזוי, מיט פערל באַהאָנגען.

## 9. דער פון שיך-געשעפט

זיין טאַטע אַ געגריוועטער שוסטער געווען,
דעם קייסער ניקאָליי אַראָפּגעזעצט פון שטול;
ער אַ שיך געשעפט אויף אָפענער גאַס האָט דאָ
און איז „לייף-פּרעזידענט" אין דער „רויטער שול".

איינמאָל אין יאָר, ערב-יום-כפור, „דער שאָפער",
פירט אים אין „לימוזין" צו כל נדרי צו,
און פון דער באָקס קוקט ער אויף „די יידעלעך" אַראָפּ,
פון הימל, להבדיל, הקדוש ברוך הוא —

דער טאַטע געלאַטעט דאָ הינטער אַ פענסטער,
און ער אַ ווילע שוין האָט אונטער דער שטאָט;
זיין זון, דער פּראָפעסאָר אין „לאָנדאָן האָספּיטאַל",
אַרבעט שוין מיטן מעסער אויף גאָטס באַראָט.

צו פתיחה עפנט אים דער גבאי „דאָס טירל",
און ווינטשט אים: „איבער אַ יאָר ווידער אַמאָל" —
זיין זון, אויב ער וועט אים נישט אַליין באַגראָבן,
שוין זיכער נישט קומען צו קבר ישראל.

## 10. רומ"ל...

ווען מען איז נאָך, ווי אין דער מלחמה נאָך ברויט,
נאָך „מעניקעס יום-טוב-בלעטער" אין ריי געשטאַנען,
האָט מען נאָך געקויפט אַ „שאגת ארי", אַ של"ה,
און ספרי רומ""ל — ווי מצה-וואַסער געגאַנגען.

היינט, די אין קייגנאיבערדיקן שויפענסטער,
די מאַנעקין, האַלב נאַקעט, אין באַד קאָסטיום און הייבל,
מען ברויך איר נאָר די באָבע דאָבטשעס ברילן אָנטון,
וועט זי גאַנצע נעכט לייענען די „האָלי־בייבל".

מען קומט נאָך אַ בר־מצוה־טליתל קויפן,
אַ ברייטן ישראל־טלית פאַרן טויטן טאַטן,
און דאָס אויך נאָר אַזוי לאַנג, ווי מען קויפט נאָך,
אַ חנוכה־קריסטמעס־פּרעזענט — יידישע פלאַטן!

ווי אַמאָל „שיר־המעלותער" פאַר אַ יולדת,
איז דאָס שוי־פענסטער מיט קדיש־יתומס באַהאָנגען,
מיט קידוש־לבנה לעטערס אין לאַטייניש — —
אָבער אויך נישט מער איצט — אַמאָל איז עס געגאַנגען!

פּ.ס.—

אפשר אין „מאָדערן היברו ספּעלינג" דערלאַנגען,
וועט ווידער נאָך „דער סחורה" זיין גרעסער פאַרלאַנגען...

## 11. דער רעשטלעך ראַמשער

זיין טאַטע דער רב אַ ווילדער חריף געווען,
ש"ס בבלי און ירושלמי אין איין כהרף עין;
ווי סטענגעס פון מויל — ראשונים און אחרונים,
און אַלץ מיטן דף, מיטן עמוד און מיטן ועין.

און ער דער זון, ווי נאָר אויף דער בערע ער שטייט,
ווי ער וואָלט אַ פּילפּול אויפן בעלעמער געהאַלטן!
מיט אָפענע מיילער אַרום אים דער עולם,
עס מעג ברענען די זון און אין נעפּל טאָג אין קאַלטן.

דער פאַרבן־שלל, די מוסטערן, די קאָלירן —
דאָס סאַמעט, דאָס זיידן, דאָס מוסעלין און דאָס סיצן!
ס'פליען רעשטעלעך, ווי שטיקלעך רשב"א און מהרש"א,
סחורה־באַלן ווויקלען זיך — איינפאַלן זיך צעבליצן!

און ווען די אייל און די אַרשין נעמט אַרבעטן —
זיין טאַטע, עליו השלום, אַליין ער וואָלט ווערן!
און ביי יעטווידן ריס דער עולם ציטערט אויף —
אין שול זיי וואָלטן דעם „שדי קרע שטן" דערהערן.



## 12. דער שיראַמיס גאָרטן פון ווייטשעפּל

ס'האָט אַ קעניגין אַ גאָרטן אויפגעהאָנגען,
אויף בריקן־קניפּן, אויף קייטן־שלייפן,
און דער וולוינער בעקער פון ווייטשעפל,
אַ ווונדער גאָרטן זיך פאַרפלאַנצט האָט דאָ,
אין הערינג־פעסער און אויטאָ־רייפן.

פון ארבע פינות עולם ערד צוזאַמגעשלעפּט,
און די פלאַנצן ווו געקאָנט באַקומען,
און אויפן אַספאַלט האַרט־געגאָסענעם,
אין קוואַדראַטן פון שטאָקן און גאָרנס,
גייט אויף אַ גאָרטן ביימלעך און בלומען.

און ווי פייערדיק די רויטע רויזן בליען!
יאָ, ס'איז דער „קיוגאַרדן"" אַ סך גרעסער,
אָבער פון שיראַמיס גאָרטן צומאָל,
ווונדערלעכער דער ווייטשעפל גאָרטן,
אין אויטאָ־רייפן און הערינג־פעסער.

פאַרנאַכט, ווען די זון צעברענט זיך אויף עק הימל —
דעם באַק־אויוון דער בעקער נעמט גליען!
אַ פאַרבלאָנזשעטער פויגל אין גאַס דאָ,
דערזעענדיק דאָס בליען פון גאָרטן,
צעזינגט ער זיך אינמיטן זיין פליען.

## 13. אין איינזאמער אוונט שעה

וואָס איז דען אַ וואַלד מיט זיין גאַנצער שיינקייט
די אָרעמקייט זאָל האָבן צווייגן ווו צו קלויבן,
זוניק צו הייצן צעציטערטע הערצער,
ווען וועלדער זיך מאָלן אויף די פאַראייזטע שויבן.

ווי דער וואַלד אין ווינד ווו, די וואָכנדיקע טעג דאָ,
סטראַגאַנעס רוישן —ביימער מיט אָסיען באַהאָנגען!
ביליקע פלאָטן זינגענדיק זיך דרייען —
בלויער הימל ברייט־צעקריזט מיט פייגל־געזאַנגען.

די פאַרנאַכטן שטיל, ווי נאָך וויסטן שטורעם,
ליידיקע קעסטלעך — דאַרע צווייגן אַרום־ליגן!
קומט די אָרעמקייט פון די געסלעך אַרום,
ס'ביסל הייצונג פאַרן ווינטער צונויפצוקריגן.

וואָס איז דען אַ וואַלד מיט זיין גאַנצער שיינקייט ?
וונדערלעכער זון־פאַרגיי זעצט זיך אויף דיביימער !
אָ, ווען כ׳וואַנדער אין אָוונט־שעה, איינזאַם דאָ,
אַרומגענומען פון אַזאַ אימה געהיימער.

## 14. די באַלאַדע פונם וויטשעפּלער שטאָט משוגענעם

אַ גאַנצן טאָג אַזוי אַהין און אַהער,
פונם שפּיטאָל צום קאַצן־פליישׁ־ביידל ;
אָט מיט אַ געשריי צו זיך, מיט אַ טענה,
אָט ווי גערעדט צו וועם שטיל און איידל :

„נישט נאָר נישט קיין פערד, אויך קיין מענטש נישטאָ מער —
ס׳לויפן בלויז מאַשינען און מאַשינדלעך !
זיינען טאַטעס אונזערע געווען די פערד,
זיינען די לאָשעקעס מיר, די זינדלעך״.

ביינאַכט בלייבט ער שטיין ביים קאַצן־ביידל,
ענטשלאָסן דאָס געשעפט אָפּצושליסן :
„ניין, נישט דעם שפּיטאָל פאַרקויפט ער זיין קערפּער —
זאָלן קעץ כאָטש פון זיין פלייש געניסן !״

און ווי דעם גאַנצן טאָג אַהין און אַהער,
אַ רגע נישט אויפהערט צו זיך צו ריידן,
אַזוי איצט קיין ריר זיך נישט, קיין פּיפּס פון מויל,
און שפּירט הערלעך־וויז זיין פלייש מ׳טוט שניידן.

„כאַ, כאַ, שיילאָק, האָסט נישט געוווסט ספּונטל פלייש
אָן דעם בלוט פאַרגיסן אָפּצוקויפן — — —״
און מיטן באַגינען הייבט ער ווידער אָן,
פון פלייש ביידל צום שפּיטאָל צו לויפן.

## 15. די חורבה פון פּאַוויליאַן־טעאַטער

. . . . וואָס ס׳טוט זיך דאָ אָפּ ווען די נאַכט פאַלט צו !
אַז אַ צוויי ברעטער נאָך פאַרוואַלגערט ווו,
איז ווער ברויך אַ דאַך דען און ווער אַ דיל,
„גאָט, מענטש און טייפל״, און ס׳גייט אָן די שפּיל ;
אַן אויפגעהענגטער מיטן קאָפּ אַראָפּ,
גייט הערשעלע דובראָוונער אויף און אָפּ.

איז עס דען ס׳געבלעקעץ פון דער מיסיאָן,
צי דאָס קעץ־געמיאוקעץ פון פּאַוויליאָן ?
איך גאָט אַן עדות, וואָס ס׳טוט זיך דאָ אָפּ — —



פיינמאַן אין אַ דיבוק צוריק אַראָפּ !
פּראַוועט „בר־מצוה״ אין גרויסן פאָרמאַט,
ס׳„טליתל״ הענגט צעריסענער פלאַקאַט.

צעזעצטע פלעצער ביז צום לעצטן פלאַץ,
ס׳אָרקעסטער דריגירט אַן עק פון אַ קאַץ,
צו דער קאַסע קוקט קעסלער דורך אַ לאָך,
ער זעט, אַז פּאַרטיק איז נעבעך די בראָך,
קלאַפּט ער ביי דער פּרימאַדאָנאַ שטיל אָן,
און ליליתט שוין מיט איר ביז ס׳קרייט דער האָן.

## 16. „אייבי דע לאג״

(די באַלאַדע פון אַ לעצטן פון „די אַלדגייט באָיעס״)

וואָלט ער געלעבט אין דער צייט פון די שופטים,
ער וואָלט געווען אַ שמשון הגיבור ;
זאָל נאָר אַ גוי פּרוּוון אַ ייד אָנרירן,
ער לאָזט זיין „בערע״ אויף הפקר איבער ;

און נישט ערשט אַן אייזל־באַק ער ברויך זוכן,
מיט זיין קנאָכיק פּנים, האַלז און נאַקן,
אַ פאַרפאָר יענעם אין טריפהנעם טרעל־בויך,
אויף קרעפּל־פלייש אים כאָטש צו צעהאַקן.

און פאַרנאַכט אין די געפּאַסטע שטיוועלעך,
ווען ער דרייט זיך דאָ צווישן די ראָגן,
פון זיין בלויזן בליק, אַ יידישע טאָכטער,
אַ צענטע אַזאַ וועט שוין פאַרזאָגן.

דאָ האָט זיין מאַמע געאַרבעט, געבידעט,
און יינגען ווי די בערן אויסגעטראָגן !
און קאָנסט דו נישט אַנדערש, אַ נכפה אין דיר,
איז נאָך פּיקאַדילי זיך אָפּגעטראָגן — —

פון די געסלעך די שוואַרצע קוקן אים נאָך,
און רוקן זיך אַריין אין די ווינקלען —
אין די אויגן זיינע צעבלישטשעט אַ טרער,
אָדער פון די שטיוועלעך דאָס פינקלען :

ס׳קומען נישט מער אָן די היימישע יינגען,
און פון אַמאָל די ליכטיקע מיידן ;
ער געדענקט נאָך די באָבע פון פּאָלטאַווע,
און דעם פּלאָצקער ריז, דעם שמיד, זיין זיידן — —

וואָלט ער געלעבט אין דער צייט פון די שופטים,
ער וואָלט געווען אַ שמשון הגיבור!
אַ פאַרשפּעטיקטער צו מנחה דערזעט אים,
כאַפּט זיך זיכערער דעם ראָג אַריבער —

איז עס נישט קאָפּל־יאָקל פלאָצקערס „אָנעק“?
שמייכלט דער ייִד אין באָרד אַריין ברייטלעך:
דער וויגנדיקער סקריפּ פון די שטיוועלעך,
ווי היימיש־ווילריש, גאווה׳ש פאַרשייטלעך ——

ס׳ציטערט דער טראָטואַר אונטער זיינע שריט —
דער זיידע צעטאַנצט זיך אַ „הוידאַנע“!
פון די ראָגעס די שקצים קוקן אים נאָך,
זיינען אים די שטיוועלעך מקנא.

ס׳ווערט נאַכט פון אין שענק אַרויס ב׳צווייטער אַריין,
ער קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען:
כאָטש אַ קרענק אויף אים! און דווקא, די נפקא,
זי גייט אים נישט אַרויס פון זינען.

## 17. אין זון־פּאַרגיי

אין דיין ווי כ׳האָב מיך פאַרטשעפּעט, ווייטשעפּל,
און כ׳מעסט דיך אויס אין דער לענג, אין דער ברייט;
אין לעצטע דלת־אמות, אומענדלעכע,
ציט מען זיך אַזוי אויס אין דער אייביקייט.

אין זון פּאַרגיי שטייט ווער און בעט אַ צענטן,
צאַנקענדיקער נר־תמיד, ווען כ׳גיי אַריין;
אַ גרייז זאָגט אַ פאַרגרייזטן קדיש נאָך זיך,
אַ פאַריתומטער איך ענטפער שטיל אמן.

מיין קרומער שאָטן אויף דער וואַנט הערט זיך איין,
אַ פאַרשעמטער אויף דער גאַס איך אייל אַרויס;
אויף דער גאַנצער ברייט פינסטער ער יאָגט מיך נאָך,
טויזנט־אויגיק און אומענדלעך אַזוי גרויס.

## 18. ווו „ווייטשעפּל“ איז געשטאַנען

די חורבה ווו די קירכע איז געשטאַנען
מאָדנע באַלויכטן פון עלעקטרישע לעמפּ,
אונטער קזשאַקעס פאַרשטעקט, טונקל באַווינקלט,
פויסט צוקאָפּנס איינגעשלאָפענער טרעמפּ.



אַ מידער פון אַרומשלעפּן גאַנצן טאָג,
ליגן געבליבן אינמיטן זיין גאַנג,
הענגט לבנה אין זיין צעריסן פּנים,
אַן אַראָפּגעריסענער לאָמפּ פון שטאַנג.

איך האָב מורא, ווי דער פאַרלאָזענער טרעמפּ
כ׳וועל נאָך ליגן בלייבן ערגעץ ווו דאָ,
צוזאַם מיט אים וויסט אַוועק ווו וואַנדערן,
איידער באַגינען שאַריען וועט גראָ.

## 19. נאַכט תחינה

און וואָס וואָלט געווען ווען דעם ברעג דאָ וואָלסט דערגרייכט?
אָ, עס וואָלט דיר נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט,
ווי דאָרט, ווען מיט אַלע ביזט אין גאַז־קאַמער געגאַנגען,
אין־סופיק די בליציקע אויגן האָסט פאַרגלייזט,
הימל־לייטער שטאַפּל צו שטאַפּל געשפּרייזט,
מיט אַן עדה פון זעקס מיליאָן ביז גאָט צו דערלאַנגען.

זע, פון שטופּע צו שטופּע אַלץ נידריקער כ׳זינק —
עס לעשט זיך אויפן וואַסער־פלאַך דער לעצטער רינג,
ווען דאָס געפאַלענע שוין טוט דעם תהום דערגרייכן!
אַליין אַזוי צו גיין אַ פאַרלאָשענער שיין,
אַ פאַרפלויגענער פונק פון אַ שייטער צו זיין —
אין די טיפע טיפענישן פון די העכסטע הייכן!

אַ שבועה, אַ קללה, אַ נבואה, אַ טרייסט,
דיינע לעצטע ווערטער משיג צו זיין — ווער דרייסט,
הייליק פאַרהוילנס פּותר צו זיין, ווער וועט דערוועגן!
אין מיין געפאַלנקייט, אין מיין גיפטיקן בייז,
דעם צאַפּל אין מיינע ליפּן שטיל איך פאַרבייס,
אַז מיט ווערטער זיי זאָלן זיך נישט קענען באַוועגן.

## 20. צו חצות אָפּריכטן

עס איז די ערד זיין פּיסנבענקעלע,
צו זיצן נאָך זיין פאָלק שבעה דעראויף,
אַ גאַנץ טאָג דעם קאָפּ צווישן די קני,
נאָך האַלבער נאַכט, צו חצות, הייבט ער אים אויף.

די זעקס מיליאָן, פאַרקוילטע, פאַרברענטע,
זייער אַש־שטויב שיט ער זיך אויף זיין קאָפּ!
אין די טרערן צעמישט אויף זיין פּנים
טריפן גרוי־געל די נעפּלען דאָ אַראָפּ —

„ווײ, ווײ, מײַן פֿאָלק האָב איך אויף אַש פֿאַרברענט
און מײַן הײם רויב און דרויב און שטויב, אויב, אויב —
— — — — — — — — — — —“

דאָס וויסטע געוויין, אין דער חורבה־וועלט
וואַרקעט פֿאַרוווּנדיקט ווײַסע טירטל טויב.

## 21. שחרית־תּפֿילה

אַז איך לײג צו מײַן קאָפּ צו דער ערד דאָ,
מיט אַן איכה־עכאָ ווערט פֿול מײַן אויער;
שאַריען־גרויער נעמט אַרום מײַן האַרץ,
בלוטיק גײט עס אויף מיט יאוש און טרויער.

דאָס פֿאַרנעפּלטע דאָ, ס׳סודותדיקע ——
כ׳הער מײַן טאַטנס מורמלען, לערנענדיק זוהר!
אָ, אַ לאַבירינט מיט טויזנט טירן,
פֿון דור דור אונזער דויער־באַדויער.

נאַכט אויף נאַכט אויף אונזער גאָלדענער קײט,
איך ליג דאָ צעבילט, אַ הונט אויף דער לויער ——
אײנס פֿון די מאה־שערים־געסלעך,
ווײַטשעפּל, פֿון אָלדגײט ביז מײל־ענד־טויער.

## 22. ווײַטשעפּל ירושלים ד׳בריטן

פּומבדיתא, קאָרדאָווע, קראָקע, אַמסטערדאַם,
לובלין, וואָלאָזשין, ווילנע, בערדיטשעוו און קאָצק,
של־מעלהדיק וועסט בלײַבן ווי אײנע פֿון זײ,
מיט האַראָפּאַשניקעס פֿון זשיטאָמיר און פּלאָצק.

און אויב דער בלוטיקער שליאַד אונזערער אַצינד,
נישט דירעקט ער פֿירט ביז פֿאַר דײַן אָפֿענער טיר ——
פֿון גרויס צער דו האָסט אַ מעשה דיר אָנגעטון,
ביזט דו געבליבן אַ פֿאַרבלוטיקטע אין דיר!

דאָ האָט ראָזענפֿעלד  געזונגען ערלעך זײַן ליד,
ווינטשעווסקי געדינט דעם יידישן וואָרט געטרײַ;
ווי אונזערע הײליקע שטעטלעך, פּאַרטיליקטע,
של־מעלהדיק דו וועסט בלײַבן ווי אײנס פֿון זײ.

ווײַטשעפּל, דער ירושלים דבריטן,
וועסט בלײַבן אײַנגעלײַבט צווישן אונזערע שטעט!
ווי די קדושים אין דער הײם, אויף קידוש־השם
גרײט צו גײן לעצטער יונג געבוירן אין אָלדגײט.





## פּעטיקאָוט לײן (שטריכן)

פּעטיקאָט לײן, דאָס רוב מענטשן און באַזוכער, מכל העולם נײַגיריקע, וואָס קומען דאָ אויף דעם זונטיק־יאַריד, קומען נישט נאָר קויפֿן נאָר זיך אַמוזירן ווי צו אַ פֿילם. דערפֿאַר אויפֿכאַפּן ווי מיט אַ קאַמערא:

אָט שטײט זעליג דער בעברילטער, אויף אַ מאַרק־טיש, און פֿאַרקויפֿט שטיקלעך סחורה, זײַנע פּעך־שוואַרצע האָר קרישלען זיך, איבער זײַן דאַר, צעוויקט פּנים, זײַנע שוואַרצע אויגן זײַנען שפּיזיק געשפּאַנט; מיט זײַן גרויס אָנצײַניק מויל ציט ער אָן דעם עולם מיט אַ מעשה וועגן פּאַרטיזאַנער אין פּוילישע וועלדער, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט וועלף, און ווילדע דײַטשן, מיט לאַנגע בײַטשן. עס זאַמעלט זיך אַ נײַגיריקער פֿאַרשידנאַרטיקער עולם. ווען עס ווערט פֿול מיט מענטשן אַרום, גיט זעליג ראַפּטום פֿלינק אַ כאַפּ אַרויס אַ שטיק סחורה און פֿרעגט, ווער ס׳גיט מער פֿאַר דעם. די מענטשן זײַנען פֿאַרקלערט פֿון זעליגס מעשיות, פֿאַרגעסן זײ אין אַלעם, אַזוי ווילן אַלע קויפֿן דאָס שטיקל סחורה. זעליג ווײס גוט, אַז מענטשן זײַנען ווי קינדער, מיט אַ מעשהלע קען מען בײַ זײ אַלעס אויסנעמען. צוליב דעם קומען סטודענטן און דאָקטוירים זען ווי אַזוי זעליג פֿאַנגט די מענטשן, מיט פּסיכאָלאָגישע שטיקלעך.

אָבער באַלד פֿאַרגעסט זעליג אויך אין אַלעם, ווען צווײ קאַליקעס, אײנער אָן אַ פֿוס, און דער צווײטער מיט אײן האַנט, פֿירן אַ ווײַסע קאָזע, צוגעשפּאַנט צו אַ וועגעלע, און אויף אַ קלײן לײטערל, אין וועגעלע, שפּרינגט אַראָפּ און אַרויף, צוגעבונדן צו אַ דין קײטעלע, אַ גרוי־ברוין מאַלפּעלע. זי כאַפּט פּעניס מיט אירע נעגלדיקע פֿיסלעך, און בליץ־שנעל כאַפּט דאָס מאַלפּעלע רבי־ניסלעך, און גריזשעט און קוקט מיט בײזע אויגן אויף דעם עולם. זעליגס פּנים ווערט ליכטיק, מיט שמײכל, און פֿאַרגעסט אין האַנדל. דאָס גרוי־ברוינע מאַלפּעלע איז מער כיטרע פֿון אַלע מענטשן אַרום. אָפּט קוקט זי אויף די מענטשן, מיט אירע בײזע אויגן אונציטערדיקע ליפּן, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן: „עך, דו נאַרישער מענטש, ווען כ׳בין נישט אָנגעבונדן בײַם קײטל, וואָלט איך געשפּרונגען איבער אַלע טישלעך מיט ווײַנטרויבן, און רבי־ניסלעך, און איר וואָלט מיך נישט געכאַפּט, נאָר העכסטנס געקענט רופֿן לעקיש“...

מענטשן קוקן לעקישעוואַטע און מיט נײַגער, ווי דאָס מאַלפּעלע כאַפּט מיט שנעלקײט די רבי־ניסלעך צוזאַמען מיטן געלט. די קאַליקעס שמײכלען דערבײַ, און גלעטן גוטמוטיק דעם מאַלפּעלעס העלזל, ווי זײ וואָלטן וועלן זאָגן: „אויסגעלערנט זיך כיטרעקײט אויפֿן יאַריד. עך, אַ כיטרע בעסטיע“...

ס׳איז רוישיק דער יאַריד, אין פּעטיקאָט לײן, עס שרײַען ווײַבער, און מענער, רופֿנדיק די קונים. עס שפּילט אַן אָרקעסטער, פֿון בלויז קאַליקעס, דער משוגענער פֿון אָלדגײט טאַנצט און זינגט. אַ פּוילישער פֿידל־שפּילער שפּילט אומעטיקע לידלעך, וואָס דערמאָנען די פּוילישע פֿעלדער, וועלדער, און אָט קומט דער סקאָט, דזשאָק, באַהאָנגען מיט אַ פּויק, אין גלעקלעך, און אין מויל האַלט ער אַ טרומפּײט און פֿײַפֿט און טאַנצט דערבײַ, און עס באַוועגן זיך די

גלעקלעך מיט די פויק, אַז עס מאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ גאַנצער אָרקעסטער שפּילט מיט אים צוזאַמען אין איין פּערזאָן. און אַז ער האָט שוין אָפּגעטאַנצט און אָפּגעשפּילט און צוזאַמענגעקליבן די פּעניס, דערזעט ער, ווי איבער די רינשטאָקן וואַלגערן זיך פאַרפוילטע פּאָמידאָרן, עפּל, באַרן, באַנאַנעס, אַזוי קלויבט ער דאָס שנעל, און צו אים דערנענטערט זיך באַלד דער פּוילישער פידל־שפּילער, און כאַפּט אויך אַ פאַרפוילטע עפּל. שאַרן זיך צו די אַרומשלעפּענדיקע „טרעמפּס“", די באַוווינער פון דער שכנותדיקער סאַלווייישאַן־אַרמי־מעלינע, אַלטע אָרימע מענטשן, מיט באַהאָרטע פּנימער, אָנגעטון אין שמאַטעס, זייערע אויגן געשוואָלן פון שלאָפלאָזע נעכט, אויפגעבלאָזענע באַקן, צעקרימטע נעז, פאַרטריקנטע ליפּן, אַזוי וואַנדערן זיי תמיד דאָ איבערן יאַריד, מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ שטענדיק זוכנדיק, עפּעס אַ נאַש מיט אַ ריח, פון רייכקייט.

דער נאָמען פון דעם יאַריד איז אויף יידיש „אַ ווייבערישע האַלקע“. זעט מען טאַקע ווייבער, אַ סך יידישע ווייבער, וועלכע טראָגן פון נאָענטן הינערשעכט־הויז געשאָכטענע הינער, קאַטשקעס, גענז. פון הינער־שעכט־הויז הערט מען הינערישע קוויטשערייען, ווי פיל ווייבער וואָלטן זיך געקריגט און געקוויטשעט. אָפט הערט זיך אַ חזניש שטיקל פון אַ שוחט, ווען ער קוקט איבער דעם חלף, צי ס'איז ניט דאָ אַ פגם אין חלף.

אָבער אַלעס ווערט פאַרשריגן פון דערנעבנדיקן גראַמאָפאָן, ווו עס גאַפּיען און הערן זיך־צו צו די זיס־סענטימענטאַלע מעלאָדיעס, יונגע מיידלעך מיט שטאָלצע שלאַנקע פיס, מיט פיטשינקע פאַנטאָפלעך, און אויף די זיידענע זאָקן, ביים אונטער־ביין, אויפן קנאָכל, זייַנען די זאָקן שוואַרץ באַפלעקט, כדי אונטערצושטרייכן די שיינע שטריכן פון פולקע־פיס, און זייערע טריטלעך זייַנען קליינינקע. אויף זייערע קליינע קעפּלעך זייַנען די האָר געשוירן ווי ביי אַ קוואָקע, זייערע ביוסטן אויסגעפּאַרעמט ווי אַן אָנגעבלאָזענער גוידער ביי אַ טויבישן זכר. זיי קומען דאָ כדי צו הערן גראַמאָפאָן מוזיק און דערביי שמעקן דעם עקזאָטישן ריח פון באַנאַנעס, אַנאַנאַס, עפּל, מאַראַנצן, און דער עיקר צו קענען רעדן מיט די יונגע בחורים, וואָס טראָגן לאַנגע שמאָלע הויזן, ווי מעגלען, מיט ברייט־פּלייציקע מאַרינאַרקעס, און פרימאָרגענדיק פריש פּאַרקעמט די האָר, ווי די גינגאָלדיק־וויאָלעט פּאַרקעמטער קאַטשקע־קאָטשער. אַזוי האָט מען זיך אַמאָל געקליידט אין דער צייט פון דעם קעניג עדוואַרד, צוליב דעם רופט מען זיי „טעדי־יונגלעך“. זיי ליבן און אַכטן דעם מלכישן נאָמען, דערפאַר זייַנען זייערע קאַטשקע־קאָטשערישע קעפּלעך אַזוי שטאָלץ, אויפגעהויבן צום הימל, מיט גאוהדיקן קאָפּ־שאָקל, און דערביי קייענדיק און נאָגנדיק גומע־צוקערלעך, ווי די אַמעריקאַנער טאַנץ־יונגען. ווען זיי דערנענטערן זיך צו די מיידלעך הערן זיך קוויטשערייען אויסגעמישט מיט יונג געלעכטער. עפּעס אַ בחור האָט אוודאי געגנבעט אַ קוש ביי אַ שיין יונג מיידל. און טיילמאָל ווען דער בחור דערזעט אַ יידיש מיידל מיט אַ צניעותדיק פּנים, לויפט ער שנעל צו צו די ציגיינערין, וואָס פאַרקויפט אַלקאָלירנדיקע רויזן, און קויפט אַ ווייסע רויז, און דערלאַנגט דאָס דעם מיידל מיט דעם צניעותדיקן פּנים. דאַמאָלט



צעהילכן זיך די מיידלעך מיט געלעכטער.

גראַמאָפאָן מוזיק און מיידעלשער געלעכטער, אויסגעמישט מיט די געשרייען פון מאַרק־ווייבער און מענער, און קוויטשערייען פון די שעכטענדיקע הינער, גענז, קאַטשקעס, פאַרהילכט ווייט, ווייט אַוועק איבער דעם יאַריד.

איינציקווייז ליידיקן זיך אויס די געסלעך פון יאַריד טישן, און עס זעט אויס, ווי אַ וואַסער וואָלט דאָס אָפּגעשווענקט, און איבערגעלאָזט פאַפּירן, פאַרפוילטע אויבסטן, שטריק, פעדערן, שמאַטעס, צעלעכערטע שיך, און דאָ און דאָרט זעט מען וואַנדערן אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע מענטשן מיט באַהאָרטע פּנימער, זוכנדיק אויף דער ערד געלט, עסנוואַרג און שמעקנדיקע אויבסטן, ווי אין די היימישע שטעטלעך נאָך די געענדיקטע אָטפּוסטן.

אָבער ביים ראַנד פון יאַריד מאַרק זיצט נאָך דער גרין־סוחר, דער אַלטער ר' יאָשקע פון ווילנע. ביי אים קען מען קריגן קנאָבל, כריין, קאָפּער, שוואַרצן, רויטן, ווייסן רעטעך. ער איז אַלט מיט אַ מיד פּנים, און אַ ווייס־גרויע באָרד. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַזאַ האַרטן הוט, ווי אַ בעכער, די פּאות זייַנען פאַרקעמט אונטער די אויערן, זיינע גרויע אויגן קוקן בייז, די נאָז עטוואָס פאַרקרימט, די ליפּן אויפגעבלאָזן, פאַרטריקנט פון צופיל רעדן, און האַלט אין איין שעפּטשן פון אַ ספר, ווו עס געפינט זיך דער שיר היחוד ליום ראשון. ווען דער פּאָליציימאַן קומט צו אים אָנזאָגן אַז דער זונטיק יאַריד איז געענדיקט, הויבט ער אויף זיין ווייס פּנים, און צו דעם פּאָליציי־מאַן רעדט ער אויף יידיש, „שוין, שוין, מליץ־יושר־לעבן, כ'וויל נאָך דאָ פאַרענדיקן אַ פּסוק פון שיר“. דער פּאָליציימאַן פאַרשטייט גאָרנישט וואָס דער אַלטער יאָשקע זאָגט צו אים, לויפט ער אַוועק ווי אַ פאַרשעמט קינד, מיט אַ דינעם שמייכל אויף זיין שטרענג פּנים, און ר' יאָשקע פאַרענדיקט דעם זונטיק מאַרק פון „שיר היחוד ליום ראשון“, עס הערט זיך אַ שטיל שעפּטשן, מיט פּחד און דרך ארץ : „עד יום הזה החזקת בידי חיים וחסד עשית עמדי“.

דער מאַרק־פּלאַץ ווערט אויסגעליידיקט. ווו ניט ווו וואַלגערן זיך געלע מאַראַנץ־שאָלן, טונקל־גרינע קאַפּוסטע בלעטער, ס'הערן זיך שטילע עכאָס פון די ווייטע געסלעך, ס'הערט זיך קלאַנגען פון זילבער־געלט, פעדערן פליען ווי פיטשינקע זומער־פייגעלעך. און דער לעצטער צו פאַרלאָזן דעם מאַרק־פּלאַץ איז ר' יאָשקע ווילנער. קוים וואָס ער קען שטופּן דאָס צוויי־רעדלדיקע וועגעלע, וועלכעס סקריפּעט אונטער זיינע פיס. ער גיט אַ פאָר אָפּ אַ ביסל און שטעלט זיך און קרעכצט. ווען מענטשן זאָגן, אַז ער אַזאַ גביר דאַרף נישט שטופּן אַליין דאָס וועגעלע, פאַרגלייזט ער די אויגן צום הימל און שעפּטשעט עפּעס אַ תפילה, ווי ער וואָלט וועלן דאַנקן דעם רבונו של עולם פאַרן אָפּהיטן ווייטשעפּלער יידן, און דעם גוטן זונטיק מאַרק, און צו די אַלע דורכגייער זאָגט ער בזה הלשון, און ווייזט צום הימל : „דאָרטן, דאָרטן וועט אַנדערש זיין“... זיינע אויגן זייַנען ווייטער געווענדעט צום הימל, ווי די הימלען וואָלטן זיך עפענען כדי אַריינצוציען ר' יאָשקעס ווערטער : „עד יום הזה החזקת... אוי אוי רבונו של עולם“...

אַליהו פאַלושאַק

# ביי די ברעגעס פון דער טעמזע

(צו די לעצטע ענגלישע וואַלן)

ביי די ברעגעס פון דער טעמזע שטייען זיי די צוויי שוועסטער־געביידעס, וואָס רעפּרעזענטירן אַמבולטסטן עכט ענגלישע און אייראָפּייִשע דעמאָקראַטיע: אויפן רעכטן ברעג די „קאַונטי האַל“, די גראַפשאַפטס־קאַמער, ווו ס׳איז באַהויזט די לאָקאַלע רעגירונג פון דער גראַפשאַפט לאָנדאָן, וואָס מיט אירע שטאָט־באַצירקן בילדעט זי דעם גרעסטן טייל פון גרויס־לאָנדאָן — אַ בלאָק פון מאָנומענטאַלע געביידעס, האַלב אין אַנטיקן און האַלב אין מאָדערנעם בוי־סטיל, און אויפן לינקן ברעג — לאַנג־געשטרעקט מיט טורעמס און טורעמלעך און די טורעם־שפּיצן פון דער פּאַרלאַמענטס־קירך, און איבער אַלע אַריבער דער לאַנג־געצויגענער „ביג בען“, דער גלאָקן־טורעם מיט דעם גרויסן זייגער, וואָס מיט זיין מאַרקאַנטן גלאָקן־שפּיל זאָגט אָן די ריכטיקע צייט אַלע פערטל שעה. דאָס איז דער פּאַלאַץ פון וועסטמינסטער, איינס פון סיר קריסטאָפער רענס בוימייסטער־ווערק, **דער פּאַרלאַמענט פונם פאַראייניקטן קעניגרייך** די היים פונם בריטישן אונטערהויז (האַוז אָוו קאָמאָנס) און דעם איבערהויז (האַוז אָוו לאָרדס).

וואַלן צו אַ פּאַרלאַמענט אין אַ דעמאָקראַטיש רעגירט לאַנד זיינען אַ וויכטיקע דערשיינונג, ווייל דאָס אויסקומען און רעזולטאַטן פון די וואַלן באַשטימען פאַר אַ געוויסן צייט־אָפּשניט (נאָרמאַל פיר אָדער פינף יאָר) דעם גורל פון פאָלק און לאַנד אויפן פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און סאָציאַלן געביט. און ווען אינם וואַלקאַמף זיינען פאַרוויקלט פאַרשיידענע אינער־ און אויסנפּאָליטישע וויכטיקע פּראָבלעמען, קען אַזאַ קאַמף זיין פאַרביטערט און אויפרעגנדיק פאַר אַלע צדדים, וואָס נעמען אַנטייל אין דער דאָזיקער קאַמפּאַניע.

אַלע קענען זיך נאָך דערמאָנען דעם היסטאָרישן וואַלקאַמף פונם יאָר 1945, באַלד נאָך דער מלחמה, צום ענגלישן אונטערהויז. אַטלי האָט די קאָנסערוואַטיוון געגעבן אַ גט, און אָפּגעזאָגט פאַר זיך און זיין פּאַרטיי יעדע ווייטער־באַטייליקונג אינם נאַציאָנאַלן קאָאַליציע־קאַבינעט. דאַמאָלט באַלד נאָך דער מלחמה זיינען זער וויכטיקע שטרייט־פּונקטן געשטאַנען אויפן שפּיל. דער גרויסער איבערברוך און איבערוווּרף, וואָס איז געקומען אַלס פּועל־יוצא פון די גרויסע נצחונות פון די מערב־אַליאירטע מיט רוסלאַנד בתוכם, האָט מיט זיך געבראַכט געוואַלטיקע נישט־פאַרויסגעזעענע ענדערונגען אויף דער אייראָפּייִשער לאַנדקאַרטע. געזיגט האָבן אין ערשטער ליניע די כוחות פון די דעמאָקראַטישע פעלקער און לענדער. אויף די חורבות פון אַ צעשטערטער אייראָפּע מיט קאָנצענטראַציע־לאַגערס, גאַז־קאַמערן און אויסראָטונגס־לאַגערס האָט געזאָלט ווערן אויסגעבויט אַ נייע אייראָפּע. פאַר די גרויסע פאָלקס־מאַסן איז נישט מער מעגלעך געווען קיין צוריקמאַרש צו אַ פּאָליטיק פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און סאָציאַלער אומזיכערקייט פון פאַר דער מלחמה־צייט. אַ נייע ערע,



אַ נייער צייט־גייסט איז איינגעטרעטן. אַ יוגנט, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אין דער נויט־צייט און גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט פון די ווירטשאַפטס־קריזיסן פאַר 1939, איז צוגעקומען אַלס אַ וויכטיקער פּאָטענציאַל צו די נייע וויילער־מאַסן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, וואָס טשערטשיל, דער לעגענדאַרישער העלד פון אַ באַפרייטער קאָנטינענטאַלער אייראָפּע, איז געווען דער בוימייסטער פון ווידערשטאַנד, קאַמף און נצחון קעגן די בעסטיאַלישע כוחות פון נאַציזם און פאַשיזם. טשערטשיל איז געוואָרן דער פירער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, און זי, די זעלביקע קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי, איז געווען די יעניקע, וועלכע האָט געמאַכט פשרות מיט די דיקטאַטאָרן, און צוגעלאָזן די זעטיקונג פון זייערע אַפּעטיטן. קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיק פאַר דער מלחמה האָט פאַראורזאַכט די אַרבעטסלאָזיקייט פון צוויי און אַ האַלב מיליאָן מענטשן, פאַראָרעמונג פון די פאָלקס־מאַסן און סאָציאַלן רעגרעס אין דער אינערן־פּאָליטיק, און אומזיכערקייט און „אַפּיזמענט“ אין דער אויסערן־פּאָליטיק. דער פּועל־יוצא פון די דאַמאָלדיקע וואַלן איז געווען, אַז די אַרבעטער־פּאַרטיי האָט באַקומען אַ מערהייט פון דעפּוטאַטן און דעם מאַנדאַט צו בילדן אַ רעגירונג.

כמעט צען יאָר זיינען פאַרגאַנגען זינט דעם נצחון פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. נאָר ווער ס׳איז דאַמאָלט ביים באַקאַנט־ווערן פון די וואַל־רעזולטאַטן געווען אין די וואַרשטאַטן און פאַבריקן, אין די קלוב־היימען און אפילו צווישן פאָלקס־מענטשן אין די געוועלבער, קען זיך משער זיין, וואָסערע סאָציאַלע רעוואָלוציע ס׳איז פאָרגעקומען דאָ אין לאַנד. אַ רעוואָלוציע אָן באַריקאַדעס און טעראָר, אָן דערשיסונגען און בלוט־פאַרגיסן. ס׳איז די געבוירן־שעה פונם „וועלפייר־סטייט“, פון אַ מלוכה און געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וואָס זאָגט צו זיך צו זאָרגן פאַר אַלע און פאַר יעדן. אַ סך האָבן אפילו געמיינט, אַז דאָס אַליין איז שוין סאָציאַליזם.

דאָס איבערנעמען די מאַכט פון אַן איינציקער פּאַרטיי, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען אין אָפּאָזיציע (חוץ אין מלחמה־צייט, ווען די אַרבעטער פּאַרטיי איז צוזאַמען מיט דער קליינער גרופּע פון ליבעראַלן געווען אינם נאַציאָנאַלן קאָאַליציע־קאַבינעט) און וואָס האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע דורכצופירן אַ פּראָגראַם, וואָס זאָגט צו נישט סתם רעפאָרמען, נאָר די גאַנצע אומגעשטאַלטונג פון סאָציאַלן, ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, ברענגט די דאָזיקע פּאַרטיי, אירע אָנהענגער און גרויסע וויילער־מאַסן צו גרויסע נסיונות. קיין שום רעוואָלוציע, אפילו די פרידלעכסטע און בעסט־אָרגאַניזירטע קען אַלע און אַלעמען באַפרידיקן אויף אַמאָל. די לעצטע מלחמה האָט פאַרשלונגען מיליאָנען און מיליאַרדן פון פאָלקס־פאַרמעגן און אויסלענדישע אינוועסטירונגען. די סאָציאַליזירטע אינדוסטריען האָבן נישט געקאָנט פון אָנהייב אָן ברענגען די געווינטשטע רעזולטאַטן. להיפוך, זיי זיינען געווען באַלאָדן מיט באַדייטנדע דעפיציטן. צוגעקומען איז דער טראַגישער קוילן־קריזיס פון 1947, דער קורס־פאַל פונם ענגלישן פונט שטערלינג, דער טיף־שטאַנד פון עקספּאָרט אין די הויפּט־פּראָדוקציעס פונם לאַנד. דאָס אַלץ האָט מיט זיך געבראַכט צו אַן

אומצופרידנקייט נישט נאָר פון די בירגערלעכע וויילער, וואָס האָבן געשטימט פאַר דער אַרבעטער־פאַרטיי, נאָר אויך פון גרויסע שיכטן אין די אייגענע רייען. מער און מער איז ענגלאַנד געוואָרן פינאַנציעל און עקאָנאָמיש אָפהענגיק פונם רייכן פעטער אין אַמעריקע. די אַמאָליקע גרויסמאַכט גרויס־בריטאַניע איז געוואָרן אַ צווייט־ראַנגיקע אייראָפייאישע מאַכט. נאַטירלעך האָט די דאָזיקע צווייט־ראַנגיקייט אויך באַשטאָטנט די אויסנפּאָליטיק פונם לאַנד.

רעדן מיר שוין יאָ וועגן דער אויסנפאָליטיק, ווייסן מיר, אַז די אַרבעטער־פאַרטיי איז אין דער צייט פון איר הערשאַפט נישט געווען זער גליקלעך אין דער אויסוואַל פון אירע אויסנמיניסטאָרן. ערנסט בעווין, איינער פון די שטאַרקסטע כאַראַקטערן און קלאָרסטע קעפּ אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, איז אויפן סמך פון בילדונג, דערפאַרונג און טעמפעראַמענט געווען דער לעצטער, וואָס האָט געפאַסט פאַרן פאָסטן פון אַן אויסנמיניסטער אין אַ נאָך־מלחמהדיקן אייראָפּע. אָבער ער האָט געהאַט די אַמביציע דערצו, און אַטלי האָט אים נאָכגעגעבן. און וועלכע שבחים זיינע אָנהענגער קענען אים נאָכזאָגן אין זיין טעטיקייט אַלס טרייד־יוניאָן־לידער און אין דער מאָביליזאַציע פון אַרבעטס־כוחות און אַרמיי אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, קיינער קען נישט זאָגן, אַז די אויסוואַל פון בעווין אַלס בריטישן אויסנמיניסטער איז געווען אַ גליקלעכע. עס קען זיין, אָפגעזען פון אַנדערע וויכטיקע אויסנפאָליטישע פּראָבלעמען, אַז מדינת ישראל וואָלט היינט געווען אַ טייל פון דער „בריטיש קאָמנוועלטה אָוו ניישאָנס“ (אַ מיטגליד אינם בריטישן מלוכות־פאַרבאַנד פון פרייע פעלקער), ווען אין דער שפּיץ פונם בריטישן אויסנמיניסטעריום וואָלט געשטאַנען אַ מענטש, וואָס וואָלט געבראָכן מיט דער אַלטער טראַדיציאָנעלער פּאָליטיק סיי אין אויסן־ און סיי אין קאָלאָניאַל־מיניסטעריום, און וואָלט אין די טראַגישע יאָרן פון 1947־8 פאַרשטאַנען, אַז יידן זיינען נישט קיין קאָלאָניאַל־פאָלק, און אַז אַ זעלבסשטענדיק מדינת אָדער ארץ ישראל איז אַ נאַטירלעכער פאַרבינדעטער פון גרויס־בריטאַניע, דאָרט אינם נאָענטן מזרח, און אַז איר עקזיסטענץ איז נישט צום שאָדן פון די שכנותדיקע מלוכות, וועלכע זיינען פאַראייניקט אין דער אַראַבישער ליגע.

נאָך זעקס יאָר רעגירן פון דער אַרבעטער־פאַרטיי האָבן די קאָנסערוואַטאָרן מיט אַ קליינער מערהייט איבערגענומען די מאַכט און די אַרבעטער פאַרטיי איז אַריינגעטרעטן אין אָפאָזיציע. טשערטשיל איז ווידער געוואָרן דער פּרעמיער־מיניסטער פון זיין לאַנד. אין די זעקס יאָר פון זייער רעגירן האָט די אַרבעטער־פאַרטיי אַדורכגעפירט געוואַלטיקע רעפאָרמען אין לאַנד. מחוץ קליינע אויסנאַמען, איז די פראָדוקציע געשטיגן פון יאָר צו יאָר, די אַרבעטס־לאָזיקייט פון די פאַר־מלחמה־יאָרן איז געוואָרן נישט מער ווי אַ דערינערונג פון אַ בייזער אומגליקלעכער צייט. אייזנבאַן, טראַנספאָרט־מיטל, קוילן־גרובן, עלעקטריציטעט און גאַז זיינען געוואָרן סאָציאַליזירט. אַ סיסטעמאַטיש און פראָגרעסיוו בוי־פראָגראַם האָט געשאַפן נייע היימען. אַלץ אינאיינעם האָבן די קאָנסערוואַטיוון אינם יאָר 1951 איבערגענומען די פירונג פון אַ נישט־שלעכט



געפירטער ביזנעס, און ווען אין זייער צייט איז געשטיגן די פראָדוקטיוויטעט אינם לאַנד סיי אין כמות און סיי אין איכות, און דערמיט אויך דער לעבנס־סטאַנדאַרט פון כמעט אַלע פאָלקס־שיכטן, נעמען זיי פאַר זיך דעם קרעדיט פון אַן אַלגעמיינעם וווילשטאַנד, וואָס איז מיט פלייס און סיסטעם אויסגעבויט געוואָרן פון דער לייבאָר־פאַרטי רעגירונג. אַלץ אינאיינעם האָבן זיי, די קאָנסערוואַטיווע רעגירונג, געגלויבט, אַז זייער פאָזיציע איז איצטער מער באַפעסטיקט, ווי אין יאָר 1951, ווען זיי האָבן איבערגענומען די רעגירונג פון דער אַרבעטער פאַרטיי. טשערטשיל איז צוליב זיין עלטער צוריקגעטרעטן, אידן האָט איבערגענומען די פרעמיערשיפ, און אויסגעשריבן די וואַלן פאַרן 26־טן מאַי (ערב שבועות) פאַר אַ נייעם פאַרלאַמענט.

ווען מען לייענט נישט יעדן טאָג די פרעסע און מען הערט נישט די באַריכטן און רעדעס אויף ראַדיאָ און טעלעוויזיע, וואָלט מען גאָרנישט געוווּסט, אַז עס זיינען פאָרגעקומען וואַלן. עס איז אַלץ צוגעגאַנגען אַזוי שאַ־שטיל, אָן שום אויפרעגעניש און היציקע דעבאַטן און וואַל־שלאַכטן. איך ווייס נישט, אויב אין אַן אַנדער לאַנד איז דענקבאַר אַזאַ מין פלעגמאַטישקייט אין וואַל־קאַמף, ווי ס'איז געווען גראָד איצטער מיט עטלעכע טעג צוריק.

עס זיינען געוויס דאָ סיבות, וואָס קענען דערקלערן דעם דאָזיקן צושטאַנד. אינם יאָר 1945 איז עס געווען די אַרבעטער פאַרטיי, וואָס האָט מיט איר פראָגראַם, שלאָגפאַרטיקייט און יוגנטלעכקייט אָנגעגעבן דעם טאָן. איר מערהייט דאַמאָלט איז נישט געווען קיין געוואַלטיקע, אָבער דאָך באַדייטנדיק. די אַרבעטער פאַרטיי האָט אַ סך פון איר יוגנטלעכקייט און שלאָגפאַרטיקייט פאַרלוירן. עס זיינען איצטער ווידער צוגעקומען נייע וויילער־מאַסן, וועלכע האָבן (אַזוי רעכנט מען) די פראָספעריטעט און אַלגעמיינעם וווילשטאַנד פון 1954 און די סטאַבילערע לאַגע נאָך סטאַלינס טויט אויפן אויסנפאָליטישן געביט צוגעשריבן צו די דערפאָלגן פון דער לעצטער קאָנסערוואַטיווער רעגירונג. די לעצטע, די קאָנסערוואַטיוון האָבן זיך אַלס פאַרטיי אין די לעצטע יאָרן רעאָרגאַניזירט און צוגעצויגן גרויסע מאַסן יוגנטלעכע פונם בירגערלעכן און אַריסטאָקראַטישן לאַגער. אין דער אַרבעטער פאַרטיי זיינען אין די וויכטיקסטע פראַגן פון אויסנפאָליטיק פאָרגעקומען גרויסע רייבונגען און שפאַלטונגען און מען האָט דערוואַרט באַלד פונם אָנהייב פונם לעצטן וואַל־קאַמף אַן אָפשוואַכונג אין די רייען פון די אַרבעטער־וויילער.

ווען עס האָבן אָנגעהויבן באַקאַנט צו ווערן די וואַל־רעזולטאַטן, האָבן געוויסע צייטונגען באַצייכנט די פאַרמינערונג פון שטימען אויף דער זייט פון דער אַרבעטער פאַרטיי אַלס אַ „ראוט“, ד.ה., זיי זיינען געוואָרן מטושטש פאַריאָגט. אָבער אַזוי איז עס דאָך נישט. די קלאָרע ציפערן רעדן בולטער. אין גאַנצן זיינען געוואָרן אָפגעגעבן 26,712,847 שטימען, פון וועלכע די קאָנסערוואַטיוון האָבן באַקומען 13,313,303 שטימען און די לייבאָר פאַרטי 12,393,125, דאָס הייסט די קאָנסערוואַטיוון מיט אַלעם קלאַפער־געצייג, מיט דער מיטהילף פון די נאַציאָנאַל־ליבעראַלע, יוניאָניסטן און אַנדערע גרופעס האָבן באַקומען נאָר

8 פּראָצענט מער שטימען ווי די אַרבעטער פּאַרטיי. אינער־פּאָליטישע פראַגן האָבן אינם איצטיקן וואַל־קאַמף געשפּילט אַ זער אומבאַדייטנדיקע ראָלע, און אין דער אויסנפּאָליטיק איז צווישן דער אָפּיציעלער מערהייט אין דער אַרבעטער פּאַרטיי און די קאָנסערוואַטאָרן קוים געווען חילוקי דעות. חוץ דעם איז די אַלגעמיינע באַטייליקונג אין די לעצטע וואַלן געווען אַ גרינגערע, ווי אינם לעצטן וואַל־קאַמף, נאָר 76.8 פּראָצענט האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן, אין געוויסע אַרבעטער־באַצירקן, ווי אין שאָרדיטש און פינסבורי איז די באַטייליקונג נאָר געווען איבער 61 פּראָצענט, אין טאָטענהאַם — 70 פּראָצענט.

אודאי זיינען דאָ סיבות אי פאַר דעם קליינעם אומשוונג נאָך רעכטס און פאַר דער פּאַסיוויטעט פון געוויסע פאָלקס־שיכטן. עס האָבן געפעלט וויכטיקע שטרייט־פּונקטן און שוווּנג, אַ באַזונדערע און אייגנאַרטיקע „אישו“, ווי דאַמאָלט אינם יאָר 1945, וואָס זאָל אַרויסרופן באַגייסטערונג אפילו ביי די גלייכגילטיקסטע און אָפּגעשטאַנענסטע ווילער־מאַסן. דער אויסגאַנג פון די וואַלן וואָלט אָן שום ספק געווען אַן אַנדערער.

אודאי וועלן זיך די פירער פון דער אַרבעטער פּאַרטיי צוזאַמענקומען צו אַ חשבון הנפש. עס וועט זיי נישט העלפן זיך צו פאַרשאַנצן מיט פאָרוורפן, אַז בעוואַן מיט זיין סעפּאַראַטיזם איז שולדיק. ווייל איז אַ פּאַרטיי און אַ באַוועגונג, וואָס באַזיצט רעוואָלטירענדע מענטשן, ווי בעוואַן, וועלכע פאַרגעסן נישט די גרויסע ריינע פּרינציפּן, אויף וועלכע די פּאַרטיי איז געוואָרן גרויס און שטאַרק. זייער טעמפּעראַמענט און וואַכזאַמקייט האַלט אָן דעם אייביקן פּולס פון דינאַמיק, באַוועגונג, ווערן און אַנטוויקלען. די אַרבעטער פּאַרטיי קען אַ סך לערנען פונם אויסגאַנג פון די לעצטע וואַלן. מיט איבער צוועלף מיליאָנען שטימען אָדער 46 פּראָצענט פון די אָפּגעגעבענע שטימען איז אַ פּאַרטיי נישט קיין געשלאָגענע. מיט מער שוווּנג, פאַרנעם און יינגערע כוחות וועלן זיי זיך מוזן רעאָרגאַניזירן צו די גרויסע קאַמפן, וואָס שטייען פאַר אַלע אייראָפּיאישע לענדער, באַזונדערס אויפן אויסנפּאָליטישן געביט. פאַריונגט און געאייניקט וועלן זיי ווייטער קענען שפּילן די גרויסע באַדייטנדיקע ראָלע אין דער לעגיסלאַטיווע פונם וועסטמינסטער פּאַלאַץ אינם ענגלישן פּאַרלאַמענט, ביי די ברעגעס פון דער טעמזע.

## מכוח דעם לעקסיקאָן פון יידישע שרייבער וואָס ווערט צגעגרייט אין אַמעריקע

דער אין אַמעריקע צוגעגרייטער לעקסיקאָן ווערט געדרוקט מיט דער הילף פון די דייטשע געלדער. ווענדן מיר זיך העפלעך צו די אַרויסגעבער נישט צו פאַרעפנטלעכן די נעמען פון די שרייבער און כלל־טוער, וועלכע זיינען אומגעקומען דורך די דייטשע רוצחים, אָן דער דערלויבעניש פון זייערע לעבןגעבליבענע נאָנטע קרובים, כדי עס זאָלן נישט אַרויסקומען סכסוכים און קריגערייען אַרום דעם פאַראייביקן פון אונזערע קדושים.

„פריינט פון יידיש לשון“.





## אין יידישן סטיל

### (דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס — פון הערץ בערגנער)

ווען עמיצער וואָלט מיך אומגעריכט אַ פרעג געטון, אין וואָס עס דאַרף באַשטיין דער זין פון קינסטלערישער פּראָזע, וואָלט איך לאַנג נישט געטראַכט און געזאָגט: די קינסטלערישע פּראָזע, ווי אַן אינטעגראַלער אָפּצווייג פון דער וואָרט־קונסט בכלל, באַרעכטיקט זיך און האָט בלויז דאַן אַ זין, ווען זי באַמיט זיך אַרויסצוברענגען דאָס גוטע און שיינע אין דעם מענטשן, אויף אַ דורכאויס חשיבותדיקן אופן.

און אויב דער פּראָזע־שרייבער וויל דווקא זיין אַ רעאַליסט, אָפּשפּיגלען דאָס לעבן אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן אין אַלע זיינע שאַטירונגען, פון זיך אַרויסכישופן דעם שאָטן צוזאַמען מיט דעם ליכט, ניט אויסמיידנדיק דערביי אפילו דאָס שלעכטע וואָס מיר טרעפן אָן אין לעבן, זאָל דאָס שלעכטע אים דאָ דינען בלויז, ווי אַ מיטל צו אונטערשטרייכן דורך דעם דאָס גוטע אין אונז, דורך אונזערע האַנדלונגען און באַציאונגען צווישן איין מענטש און דעם צווייטן.

דאָס בוך נאָוועלן א.נ. „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס“ פון דעם באַקאַנטן שריפטשטעלער הערץ בערגנער, איז געשריבן אונטער דעם צייכן פון יידישן נוסח, אין דעם זין פון אַן עטישן צובונד מצד די העלדן פון דעם בוך, צו דעם יידישן לעבן פון אַמאָל און דער נאַטירלעכער זאָרג פאַר דעם גורל פון היינט און פון מאָרגן, גלויבן און בטחון אין דער חשיבות פון ייד און מענטש.

דער טיפּאַזש פון דעם בוך „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס“ פון הערץ בערגנער איז פאַרוואָרצלט אין דער טאָג־טעגלעכקייט פון לעבן, וואָס דעקט אויף און צעהעלט די דערקענטעניש פון דעם יידישן מענטשן.

שוין אין די ערשטע פאָר זייטלעך פון דער ערשטער נאָוועלע א.נ. פון בוך, געלינגט דעם מחבר אַריינצוציען דעם לייענער אין דעם אויפפלאָנטער פון דעם סיפור המעשה, וואָס פאַרכאַפּט דיך מיט די אָנרעגנדיקע בילדער און כאָטש ניט זעלטענער, אָבער פאָרט אימפּולסיווער איבערלעבונג פון צוויי יונגע מענטשן, דער עיקר — פון דער מיידל, אין דעם ראָמאַנטישן געיעג נאָך זייער גליק. די יידישע טאָכטער — איוו. און דער גויאישער בחור — דזשאָן.

די בילדער בייטן זיך דאָ געשווינד. און אויף דער באַזע פון די געוואַגטע האַנדלונגען פון די העלדן פון דער נאָוועלע, דראַמאַטיש אין תוכן און ראָמאַנטיש אין פאַרנעם — וואַקסן אויס אַ צאָל טיפּן און כאַראַקטערן מיט אַלע זייערע מענטשלעכע שוואַכקייטן — צו דער הויך פון דינאַמישע פיגורן.

דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע נאָוועלן — ווערן די העלדן באַלויכטן מיט דעם כישוף פון אַ יידישקייט, וואָס טויכט אַלעמאָל אויף אין דעם גאַנג פון זייערע לעבנס אונטער פרעמדע הימלען, אונטער די אויסטערלישסטע אומשטענדן פון אויפגעבלאָזענער עשירות און דרוק פון אָרעמקייט.

אין דעם סאַמע ברען פון איווס געוואַגטקייט און אַנטלויפן פון איר פאָטער

מיט דזשאַנין, מיט וועמען זי איז אַגב „...אויפגעוואַקסן און זיי געדענקען זיך, ווען זיי זיינען נאָך געווען קינדער...“ האָט זי נאָך קיינמאָל „...נישט געפילט אַזוי שטאַרק, אַז דזשאַני איז נישט קיין ייד...“ און אַז דער פון איר, פון אויבנאויף פאַרהאַסטער טאַטע אירער יאָגט זיי אָן ביים שוועל פון אָפּגייענדיקן צוג און זי דערשפירט מיט אַלע אירע חושים, אַז ער, איר פאָטער — שטעלט זיך ווידער אַוועק אויפן וועג פון איר גליק, לייזט זיך מיט אַמאָל אויף איר שנאה צו אים און זי קען זיך ניט באַפרייען פון דעם רחמנות צו אים. און אַז דער טאַטע אירער נעמט איר נאָר אָן מיט זיין פאָטערלעכער האַנט, דערפילט זי זיך מיט אַמאָל זיכער און באַשיצט פון אים, פאַרשטייט „...אַז די איצטיקע מינוטן אַנטשיידן איר לעבן... און... בעת דער צוג האָט גענומען רירן פון אָרט, איז זי אַראָפּ פון טרעפּל און געבליבן שטיין אויף דער ערד...“

דאָס בלייבן שטיין אויף דער ערד איז דאָ זער כאַראַקטעריסטיש און פאַרוואַנדלט זיך באַלד אין דעם סימבאָל פון דער אויפגעוואַכטער יידישקייט, אין דער ערשט פאַרביטערטער יידישער טאָכטער. אין איר שטרעבונג צו פערזענלעכן גליק, אין דעם קאַמף מיט איר פאָטער — קריגט דאָ איר יידישקייט אַ באַנייטן תוכן און דורכאויס זינלעכן תיקון. איר ווייטערדיקער גורל ווערט אַזוי אַרום פאַר׳המשך׳ט אין דורכאויס יידישן לעבן, אַ דאַנק דער געשטאַלטונג פון איר באַשעפער — דער טאַלאַנטפולער בעלעטריסט, הערץ בערגנער.

די נאָוועלע „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס“ איז בכלל געשריבן אויף ברייטע לייוונטן און שפּיגלט אָפּ אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן דאָס לעבן פון יידן אין דער ווייטער אויסטראַליע וואָס קעמפן מיט לייב־און־לעבן פאַר זייער אידענטיטעט ווי יידישע מענטשן אין אַ דורכאויס פרעמדער וועלט.

הערץ בערגנער דעקט אויף אַ ווייטיקדיקן אופן דאָ אויף, אין די נאָוועלן זיינע — דעם תהום וואָס ליגט צווישן דעם אַלטן און נייעם דור און ער באַלייכט אים — בעלעטריסטיש — מיט דעם נר תמיד פון אַ יידישקייט, וואָס קומט ביי אים אַרויס אַ היבש ביסל אַגרעסיוו, אויב ניט אינגאַנצן מילעטאַנטיש.

דער „גרויסער אייב“ פון דער נאָוועלע „אַ טאַטע פון טעכטער“, איז דוכט זיך אַ פאַרגרעבטער ייד, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ כלה אין דעם שטעטל און איז דאָ אפילו אַוועק ווינען מיט אַ שיקסע. אין אים האָט זיך אָבער אויפגעהאַלטן, אונטער דער פאַרהאַרטעוועטער קאָרע פון גראָבקייט — אַן אײדעלע יידישע נשמה, וועמענס אידענטיטעט דריקט זיך אויס אין אַ שוואַכקייט צו טעאַטער אויף יידיש, וואָס ער האָט זער ליב. גייט ער טאַקע — מיט זיין שיקסע — שבת־צו־נאַכטס אין טעאַטער. ער רעדט אָבער צו זיין שיקסע דווקא און בלויז אויף יידיש, און עס אַרט אים גאָרנישט וואָס די אַנדערע יידן דענקען וועגן אים. זיינע אינווייניקסטע און אויבנאויף פאַרדעקטע שייכותן צו יידן און יידישקייט, בליצן אין אים אויף מיט דער דינאַמיק און צויבער פון אַבסאָלוטן העראָאיזם, ווען אַ פּאָר שקצים רייסן זיך אַריין אין זעלבן טעאַטער און וואַרפן זיך שלאָגן יידן. אין איין הרף־עין וואַרפט ער אַרונטער זיין רעקל און איינער אַליין ברעכט ער זיי אַזוי אָן די ביינער, אַז זיי פאַרזאָגן אַ צענטן אַזאַ נבלה מער ניט



אָפּצוטון. זיין העלדישקייט באַשטייט אויך אין דעם, וואָס כאָטש דער עולם בלייבט צעשראָקן און די אַקטיאָרן האָבן פשוט מורא ממשיך צו זיין דאָס שפּילן, צווינגט ע ר אַליין זיי דאָס צו טון: „אויף מיין אחריות שפּילט׳ס!...“

און אָט דער עמך׳ניק קומט ביי הערץ בערגנערן אַרויס ווי אַ זעלטן שטאָלצער ייד, וואָס האָט אויך אין זיך גרויסן מאָראַלישן כוח און מוט אפילו זיך אָפּצוזאָגן פון ז י י ן שיקסע, ווען די לעצטע שליידערט אים אין פּנים אַריין, בעת אַ מחלוקה — דאָס וואָרט „דזשו“. און טון טוט ער עס אויף דעם אײדלסטן אופן: ער זידלט זיך חלילה ניט, נעמט שווייגנדיק צונויף זיינע זאַכן, פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר און גייט אַוועק, אָן אַ „זיי־געזונט“.

און דער טאַטע פון די טעכטער, אין דער נאָוועלע „אַ טאַטע פון טעכטער“ — דער האָרעפּאַשניק וואָלף, גיט זיך איבער מיט לייב און לעבן דער יידישער ביבליאָטעק און אויך דעם דראַמאַטישן קרייז. דאָ קריגט ז י י ן יידישקייט אַ תיקון. און אויף ז י י ן אופן איז ער ממשיך און מטהר אונזערע באַלד פאַרוואָרלאָזטע קולטור־ווערטן.

דער קינסטלערישער ווערט פון הערץ בערגנערס נאָוועלן איז פאַרוואָרצלט אין ז י י ן שפּראַך און סטיל. יעדע נאָוועלע זיינע איז פאַרטראַכט און דורכגעפירט אַזוי, אַז דאָס לעבן פון נעכטן וויברירט מיט אַ באַזונדערן רייץ אין דעם געמיט פון דעם לעבן פון דעם היינט, אויף אַן אונטערגרונט פון האַנדלונגען אין דעם וואָכעדיקן גאַנג פון לעבן. צוליב דעם למשל, געלינגט אים צו פאַרשותפן די גבורה פון דעם גוף מיט דער נאָך גרעסערער גבורה פון דעם גייסט, דערצו נאָך אויף אַ גאָר רירנדיקן אופן — אין זיין נאָוועלע „צוויי גיבורים“, אין וועלכער ליאָן ווייס, „ס׳מפּיל־קינד“, ווי מ׳רופט אים — שטרענגט זיך אָן איבער די כוחות און ברענגט אַריבער קיין אויסטראַליע דעם איינציקן פאַרבליבענעם יידן פון זיין אומגעקומענעם שטעטל, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם היטלער־גיהנום מיט דעם כוח פון אמונה און אַבסאָלוטער גבורה פון גייסט.

„צוויי גיבורים“ איז אַ חורבן־נאָוועלע געמאָלן אין די בולטסטע קאָלירן פון אַ פאַרפּייניקטן יידישן מענטשן, אַ חלוש אייגנטלעך נאָך פון פאַר דער בלוטיקער היטלער־תקופה — וואָס האָט מיט דעם זעלבן דראַנג וואָס דער נאַצי האָט אים געפּייניקט, אַזוי דערלאַנגט זיין שלעגער, אַז יענער איז שוין מער אינגאַנצן ניט אויפגעשטאַנען, און ער האָט צוליב דעם נאָך באַוויזן „...די יידן אַנצוזאָגן, אַז זיי זיינען אין סכנה און זיי דאַרפן וואָס פריער אַרויס פון באַהעלטעניש...“

אין זכות פון ליאָנס האַנדלונג, זיין אַריבערברענגען דעם לעצטן יידן פון זיין שטעטל, דעם חלוש פייוול — קיין אויסטראַליע, האָט אין ליאָנס הויז אויפגעגילגולט „...דאָס קול פון דער תורה, וואָס איז געקומען פון יענער זייט וואַנט...“ און אַזוי אַרום גורם געווען דעם המשך פון אונזער תורה אין דעם נייעם און פרעמדן לאַנד.

„דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס“ פון הערץ בערגנער, האָט אַזוי אַרום די

מעלה, וואָס דאָס גוטע אין דעם מענטשן קריגט די אויבערהאַנט איבער דער רשעות אין אים. ווי אַ גוטער בײַשפּיל קען דאָ דינען די נאָוועלע „די קאָנקורענטן פון פאַקאַפּאַלאַ“. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דער קאָנקורענץ פון צוויי ייִדישע קרעמער, אויף דער איינציקער גאַס אין דעם העק פאַקאַפּאַלאַ: שמואל כאַזאַן — דער ערשטער ייִדישער אײַנוווינער, און מיסטער פויגל, וואָס פּרוווט מיט זײַנע קאָנקורענץ־מעטאָדן אַריבערצוקלוגן דעם ערשטן. אַזוי גייך אָבער ווי עס רוקט זיך אונטער אַ קריזיס און דער מיסטער פויגל ווערט געצוווּנגען צו ליקווידירן זײַנע געשעפטן, ווערט שמואל כאַזאַן זער אומרואיק און ער ווערט אײַנגאַנצן פּאַסיוו. און כאָטש שמואל כאַזאַנס קראָם איז איבערגעפילט מיט סחורה, אויף וועלכע עס איז פאַראַן אַ גרויסע נאָכפראַגע, איז ער פונדעסטוועגן אַלעמען משלח: „סאָררי“, טענהט ער, „כ׳האָב נישט... נישט געקענט אָנגרייטן קיין סחורה... מיסטער פויגל“, באַטאָנט ער, „האָט זיך, ווייזט אויס, יאָ אָנגעגרייט סחורה צו לייזן... גייט צו אים...“

די אומוואַנדלונג פון רשע אין אַ צדיק, די רשעות וואָס האָט זיך פריער אין דער קאָנקורענץ פאַרוואָרצלט — ווערט דאָ דערהויבן צו אַ סימבאָל פון גוטסקייט, וואָס איז בכלל זעלטן צווישן קרעמער־קאָנקורענטן — וואָס דערמעגלעכט גלייך דעם מיסטער פויגל דאָ צו פאַרבלײַבן אין פאַקאַפּאַלאַ — און דעמאָנסטרירט פאַר אונז גלייכצײַטיק אויף דעם ווירדיקסטן און וווּנדערלעכסטן אופן, דעם זין און די טענדענץ פון דער קינסטלערישער פּראָזע: געשטאַלטן דעם מענטש אין דער קונסט אַזוי, אַז ער זאָל אונז אַלעמאָל דינען ווי אַ מוסטערהאַפטער בײַשפּיל, ווי אַזוי צו לעבן אין דער וואָך פון אונזער טאָג־טעגלעכקייט אין דעם שייכות צו אונזערע מיט־מענטשן, אין דעם פולן הסכם מיט דער ווייזיע פון אונזער באַשעפער, וואָס האָט אונז באַשאַפן אין דעם צלם אלהים.

מײַן אײַנדרוק איז, אַז הערץ בערגנער האָט עס דאָ דערגרייכט אין דער קינסטלערישער פּראָזע פון זײַן נײַסטן בוך — דאָס פינפטע אין צאָל — נאָוועלן, א.נ. „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס“.

כן ירבו.

## אין ייִדישן „קאָנוואַלעסענט האום“

ווי אַלטע באַקאַנטע, נאָך פון אַן אַנדערער וועלט — פון יענער וועלט! — טרעפן זיך דאָ די אַלע „לעבן געבליבענע“ נאָך די שווערע אָפּעראַציעס אין ייִדישן שפּיטאָל.

און נישט נאָר פון ייִדישן, אויך פון אַנדערע לאַנדאָנער שפּיטעלער. אָפּגעמוטשעט זיך, אָפּגעפּינסטערט וואָכן, חדשים צווישן גויים, פאַרגלוסט זיך אַ ייִדישע סביבה, אַ ביסל היימיש ייִדיש עסן, זיך דורכשמועסן מיט אַן אייגענעם, מיט זײַנס גלײַכן — דאָס אתה בחרתנודיקע שפּלות־געפיל וויל אויסגלײַכן אַ ביסל די אײַנגעבויגענע קראַנקע פּלייצעס.

פון אַלעמענס אויגן קוקט אַרויס אַ מין נחתדיקע צופרידנקייט, ווי בײַ צוריקגעקומענע פון אַ שווערן גלות אין אַן אייגן לאַנד אַרײַן: „גאָט, וואַרף מיך



ווו נאָר דו ווילסט, נאָר וואַרף מיך צווישן אייגענע“. ווי אַ תפילה קאָן קלינגען אַ פאָלקלאָר וואָרט, ווען מען דערפילט עס אויף אייגענעם לײַב.

ווו נאָר ייִדן קומען זיך צוזאַם איז ייִדיש לאַנד! עס שאַפט זיך די היימישע אַטמאָספערע, די אייגענע סביבה. מ׳רעדט זיך צונויף, מ׳רעדט זיך פונם האַרצן אַראָפּ. און יעדער האָט צו דערציילן נסים ונפלאות — גאָט־זיי־דאַנק אַדורכגעקומען, אויסגעהאַלטן! און דאָ אַזאַ שיינע ליכטיקע וועלט, ממש ראַנדעוווס אויף ייִנגער צו ווערן.

ערגעץ־ווו, ווייט־אַוועק, אין אַ פרעמדן פּלאַץ, אין עק־וועלט, אין עסעקס, בײַ אַ זאַלציקן ברעג, ווו עס בלאָזן שאַרפלעך די ווינטן, און אַז ייִדן קומען זיך צונויף — נאָר בלויז אָנצוקלאַפּן מזוזות אויף די טירן! — און עס ווערט אַ ייִדישע מדינה. און יעדער איינער טויג שוין צו עפּעס אויס: צו אַ מנין צוגערעכנט צו ווערן, צו אַ פּירטע האַנט בײַ אַ קערטל, אפילו צו קריגן זיך ברויך מען אַ צווייטן . . . פאַר אַ נאָר צומאָל איז אויך דאָ אַ גוטער פּאָסטן! ער ווערט דער מיטלפּונקט פון אַלע, און דער עולם איז זיך מיט אים משמח . . .

איין ייִד, אַן „עולה חדש“, ער זעט אויס ווי ער וואָלט געקומען פון הינטער די הרי־חושך, ערגעץ אַזש פון „ווייטן“ העקני האָספּיטאַל; אויפגעשטאַנען פון הינהער־פלעט האָט זיך אים פאַרגלוסט „ייִדישע עסענעס“, בייגט ער זיך צו צו מיר, מײַן מיט־עסער בײַ מײַן טישל, און רוימט מיר אײַן אויפן אויער, ווען ער זעט דעם גויאישן „סטאַף“, די שיקסלעך, וואָס טראָגן צו דאָס עסן, די קריסטלעכע „סיסטערס“ וואָס טיילן עס אויס: „זײַנען די עסענעס דאָ טאַקע כשר?“

אין דעם קאָכעדיקן רעש פון „הייס־הונגער“ פון נאָך אַ קרענק, זאָגט מיר אונטער מײַן געזונטער פאַרשטאַנד, איז אַמבעסטן זיך נוהג צו זײַן ווי יענער מיטאַעלאָגישער אורח, וואָס בשעת ער עסט איז אַלץ פאַר אים טויט, און ווייז אים אָן, אויף שטום־לשון, דאָס ארון קודש, וואָס שטייט אויף דער מזרח־וואַנט אינם עס־זאַל, וואָס עס מיינט: אויב „אַז איינער הייסט הענדל מעג מען עסן פון זײַן פענדל“, איז דאָך שוין אוודאי און אוודאי, ווו עס שטייט די תורה איז כשר די סחורה.

אָ, עס איז נישט דאָס היימישע ביסל לאָקשן מיט יויך! אפילו די פיל־געהאַקטע „טשיקן“ אין שבת האָט אויך נישט דעם ייִדישן טעם. אָ, עס זײַנען נישט יענע „ייִדישע עסענעס“, וועלכע דער ייִד פון העקני האָספּיטאַל האָט געזען אין זײַן לאַנגען הינהער־פלעט. ווער איז אים נעבעך גאָט די נשמה שולדיק, אַז ייִדישע טעכטער זוכן זיך אויס אײַדעלערע פּראָפעסיעס ווי צו זײַן קעכינעס און נערסעס, און אַז אפילו מייטראָנס צו זײַן שטייט זיי אויך שוין נישט אָן.

איז נאַטירלעך, אַז נישט תמיד, — צומאָל בײַ די גינסטיקסטע און פרײַנדלעכסטע אַטמאָספערע און גוטן ווילן פון ביידע צדדים, — קאָן אויסגעמיטן ווערן דאָס פּראָבלעם פון „אַוער פּיפּל“ און „יור פּיפּל“ — בײַ זיי קוקט עס טיילמאָל בלויז נאָר פון די שמייכלדיקע אויגן אַרויס, אָבער פון אונזערע שוואַכע „קול קול יעקבס“ רײַסט עס זיך טיילמאָל, גאָר נישט אויף אַ שיינעם אופן פון האַלז אַרויס . . .

און אַז דער גויאישער קאָך פריער, וועלכער האָט זיך געלאָזן אָנוואַקסן אַ רעוורענדיש קמץ־בערדל, אַלאַ פראַנקפורט־אַם־מיין און נאָך געקאָכט יידישע געפילטע פיש, האָבן זיי העכסטנס געקענט זיין כשר... אָבער קיין יידישן טעם האָבן זיי נאָך אַלץ נישט געהאַט.

איך האָב מורא אַז די „שומרקע”, וואָס דרייט זיך אַרום אין קיך, אַרום די גויאישע קעכין, ווי אַ טיקערקע אין באָד, ווייסט אויך שוין נישט צו געפינען יענעם בשמים־געווירץ וואָס הייסט „שבת”, וועלכע גיט דאָס אַריין דעם יידישלעכן טעם אין די שבתדיקע מאכלים...

אָבער דאָך מוז געזאָגט ווערן, יענער גויאישער קאָך האָט געהאַט פאַנטאַזיע און געשמאַק, עפּעס שטעקט דאָך אין אַזאַ פראַנקפורטער בערדל!... באמת ווען דער דאָרפס־דאָקטאָר, וואָס „מוסטערט” די פּאַציענטן, ווען ער לאָזט זיך שטיין אַ געשפּיצט קמץ־בערדל, ער וואָלט אַ פּיל שענערן איינדרוק אויף אונז געמאַכט, אַ מער דאָקטערישן אַזוי צו זאָגן...

און זאָל דאָס נישט אויסקוקן ווי אַ פּאַראַדאָקס, וואָס דווקא די מער פאַרענגלישטע זיינען מער ענטוישט אין די היימישע כשרע „עסענעס” וואָס מען קריגט דאָ! וואָרים זיי איז דאָך טאַקע שוין באַלד נישט מער איבערגעבליבן פונם גאַנצן היימישן ביסל יידישקייט, ווי דער פאָלקלאָר פון עסן.

און דער אופן, דער ווי אַזוי פון צערעכט מאַכן מאכלים שפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי אַ פאָלק! הייסט נישט דער גאַנצער יידישער קאָדעקס, דער ספר־הספרים פון די יידישע דינים „שולחן ערוך” — געדעקטער טיש! און ערשט אונזער מאָדערנע ליטעראַטור מיט מאכלים אַסאָציאַציעס: „אַ געשמדט העלזל” און „אַ יידישע קישקע”, „אַ לאַנגער לאָקש” און „אַ חמצדיקער ברכו” — — — אָט אַזוי זעט עס טאַקע אויס, אַז עס האַלט שוין ביי דער אַסימילאַציע פונם מאָגן! אפילו די ספר־תורה אינם ארון־קודש אויף דער מזרח־וואַנט אינם עס־זאַל קאָן אויך שוין נישט קיין סך העלפן...

דעם „חמצדיקן ברכו” פרייטיק־צו־נאַכטס „מענעדזשט” מען נאָך! דער צענדליק אָנגעצונדענע שבת־ליכט וואָס די פרויען צינדן אָן, דער פינקלדיקער ווייַן אין פלאַש, דער גרויסער זילבערנער בעכער, און בעיקר, די שבתדיקע חלות צוגעדעקט מיט אַ טישטיכל אויף אַ טישל אַוועקגעשטעלט פאַרנט ביים ארון־קודש, איז שוין די געשאַפענע אַטמאָספערע, די אינסצענירונג, אַזוי צו זאָגן, פול מיט שטימונג, וואָס זאָל אַרויסרופן אין אַ האַלב־פרומען היימישן יידן דעם בעל־תפילהדיקן מוט צונויפצוקלאַפּן אַ מנין און מקבל שבת זיין.

איז דאָך אָבער אויך פאַראַן אַזוינס וואָס הייסט „יזכור”! די טאַטע מאַמעס אין די קברים אין עדמאָנטאָן רוען נישט איין, און אַ פאַרשטאָרבענער מאַן אפילו ערגעץ פאַרוואָרפן אין „ווישי” רייסט פּאַסעס, און דעם צווייטן טאָג שבועות זיינען מיר שוין אַלע רעקוואָוועלעסנסן — די 50 פרויען און די דריי מנינים מענער, אַלע שוין „געדרעסטע”, אין זאַל, און עס יאָוויעט זיך אויך אַ בעל־תפילה וואָס זאָגט נאָך אַ נישקשהדיקן עברי.

אָבער אַ יום־טובדיק דאַוונען אָן נוסח האָט אַזאַ טעם, ווי יידישע פיש גע־



קאָכט פון אַ גויאישן קאָך — ס'איז אפילו נישט קיין להבדיל! — וואָרים נוסח איז בסך־הכל אויך פאָלקלאָר. אפילו דער „אל מלא רחמים” האָט געהאַט אַ גויאישן טעם. וואָס איז דען דער גאַנצער אל מלא רחמים אָן דעם רירנדיקן יידישן ניגון, אָן דעם פאָלקסטימלעכן היימישן קרעכץ, פונם טיפן יידישן האַרץ אַרויס, וואָס באַקומט נוסח, ווערט סקאַרבאָווע — ווערט פאָלקלאָר! פאָלקס־מאָטיוו פאַר גרויסער קונסט שאַפונג, פאַר געוואַלטיקער סימפאָניע — — —

יאָ, מען האָט די ספר־תורה פונם ארון־הקודש אַרויסגענומען, און נישט געקענט געפינען אַזוי שנעל דאָס שבועותדיקע לייענען, האָט מען עס פלינק אַ פאַרשעמטס צוריק גולל געווען — דער עיקר איז דאָך געווען מען זאָל שטיין מיטן ספר בשעתן „מזכיר זיין”!... איך האָב געזען ווי די תורה איז געשטאַנען איבער אונזערע קעפּ און ממש געוויינט איבער אונזערע טויטע נשמות — —

פרעגט זיך אַ שאלה: ווו איז די יונייטעד סינאַגאָג, די פעדערייש‌אָן פון די יידישע שולן, די „זייאָניסטישע יוניאָן אָף סינאַגאָגס”, ווו זיינען זיי די אַלע פאַרזאָרגערס פון יידישקייט? חזנים און שמשים און רעוורענדס זוכן אַרום צו „קאָלעקטן” אַ צענטן צו מנין, און דאָ יעדן שבת אָן 80 פּאָטענציעזע מתפללים, פאַרוואָס שיקט מען נישט אַהער אַ געניטן בעל תפילה, אַ רעוורענד יעדע וואָך ער זאָל דאָ „אָנפירן מיט אַ סערוויס”? און אויב דאָס פאָלקלאָר־ווערטל „ס'איז נישט פאַראַן קיין אָרעם קהל” איז נישט חל אויפן ענגלישן יידנטום, וועלן נאָך די נדרים ביי די עליות שאַפן די הוצאות־הדרך פאַר אַזאַ שליח־ציבור.

אַזאַ שליח־ציבוד קאָן אויך ווירקן ווי אַ שטיקל אָנפירער פאַר אַ ביסל „ענטערטיינמענט”, וועלכעס איז זער גינסטיק פונם מעדיצינישן שטאַנדפונקט פאַר „רעקאָנוואַלעסענסן”, און פאַרלייענען אַ קאַפּיטל שלום־עליכם, זינגען אַ פאָלקס־ליד, דערציילן אַ פאָלקלאָר־ווערטל, אַ שיחות־חולין, אַן עכטן יידישן וויץ, וואָס לעבט אויף און דערפרייט דאָס האַרץ — —

אַז מען זעט ווי די אַלטע קראַנקע האָראָפּאַשניקעס, אָפּגעאַרבעטע מידע מענער און פרויען ווילן זיך אַליין אונטערהאַלטן און ס'קומט עפּעס אַרויס פידריך קאַפּויער, מיט דער פּוטער אַראָפּ; אַ שרייענדיקע אומבאַהאָלפנקייט, אַ מין כאַאָס; אָן געשמאַק, אָן לשון — יאָ, אָן יידישן נוסח! ביז מען פאַלט שוין, בקול־רם, אויף די לעצטע נאַרישע און שונדישע וויצן — קומט דאָס בלוט אין פּנים אַריין און מען בלייבט זיצן אַ פאַרשעמטער.

אַזאַ הערלעך שיינע היים, אַ יידישלעכער פונקט אין דער שיינער נאַטור! מיט וויפיל מי און מאַטערניש איז עס אָנגעקומען עס צו שאַפן: די מזוזות אויפצוקלאַפּן אויף די טירן, מיט מילכיק און פליישיק געפעס מיט מזל זיך אַריינצוציען, און אַ ספר־תורה אויף דער מזרח־וואַנט אַוועקצושטעלן — אויב עס וועט פאַלן אַזוי מטה מטה, וועט עס דאָך ממילא, מיט דער צייט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „קאָנוואַלעסענט האָום” וואָס שטייט שוין אינגאַנצן אונטערן געזעל־„סקים”. וואָרים אויב דאָס סאָציאַל־עקאָנאָמישע איז נישט מער דאָ און געזעל־שאַפטלעכע־קולטורעלע הערט אויף, איז „למה זה אנוכי?” איז דאָך חלילה די גאַנצע מי אַרויסגעוואָרפן.

*ש.*

טייערער פריינט שטענצל, רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן“.

זייט אַזוי גוט און דערלויבט מיר אַ שטיקל אָרט אינם זשורנאַל, כדי צו ענטפערן פריינט בעקערמאַן אין שייכות מיט זיין קריטיק אויפן אַרבעטער רינג.

ער הויבט אָן מיט אַ רוסיש שפּריכוואָרטל: „אויב דו ווילסט לעבן אייביק, זאָלסטו אייביק לערנען!“ אין דער אמתן אָבער זעט עס אויס, אַז פריינט בעקערמאַן אַליין האַלט נישט פון אָט דעם דאָזיקן וואָרט, ווייל ער וואָלט זיך גוט פאַרטראַכט איידער ער האָט גענומען קריטיקירן אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווי דער אַרבעטער־רינג.

אָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיך קיינמאָל נישט באַשרענקט אין איר טעטיקייט בלויז אויף לאָנדאָן, נאָר האָט גענומען אַן אַקטיוון אינטערעס אין פּראָגרעסיווע פאַריינען אויך אין אויסלאַנד. וואָלט פריינט בעקערמאַן דאָס אַלץ גענומען אין אַנבאַטראַכט, וואָלט דעמאָלט זיין קריטיק אפשר געווען אַן אָביעקטיווע. ער אָבער, איך מיין פריינט בעקערמאַן, שווייגט לחלוטין ווען מען קומט צו דער פראַגע פון די צוויי מיליאָן יידן אין דעם קאָמוניסטישן פאָטערלאַנד, ווו מען האָט ביי זיי צוגענומען דאָס רעכט זיך אויסצולעבן אויף יידיש. וואָס איז געשען מיט די יידישע שרייבער דאָרטן?! עס זעט אויס, אַז קולבאַק, פעפער, האַלקין, פרץ מאַרקיש און אַ סך אַנדערע זיינען ממש ליקווידירט געוואָרן אָן אַ משפט, און האָט עס עמיצער געהערט דעם מינדסטן פּיפּס פון פּראָטעסט מצד אונזערע יידישע קאָמוניסטן קעגן דעם אַלעם?

איצט לאָמיר אַ קוק טון אויף דעם אַזוי גערופענעם „קאָמיטעט פאַר שלום“. דאָס איז דאָך בלויז אַ פרישע קאָמוניסטישע מאַכערייקע, וועמענס מיטגלידער באַווייזן כסדר, אַז זיי זיינען נישט מער ווי מאַריאָנעטן־פיגורן מיט געשפּאָלטענע קלאָען; און די דאָזיקע קלאָען ווייזן זיי אַזוי אָפּט אַרויס... ניין, אָט די דעלעגאַציע האָט קיינעם נישט רעפּרעזענטירט, און דער אַרבעטער־רינג האָט בשום אופן נישט געקענט געבן זיין הסכמה צו גיין מאַכן סקאַנדאַלן ביי דער באָארד אָף דעפּוטיס.

מיר געדענקן נאָך זער גוט ווי די זעלבע „רויטע“ פלעגן פּראָטעסטירן אין 1939־40, אַז די מלחמה קעגן היטלערן איז גאָר אַן אימפּעריאַליסטישע מלחמה! אָבער מיט דעם מאָמענט, ווען היטלער — סטאַלינס פריינט! — האָט אָנגעהויבן גיין אויף רוסלאַנד, איז די זעלביקע מלחמה פּלוצלינג געוואָרן ביי זיי אַ „הייליקע מלחמה“...

נו, זעט איר, פריינט בעקערמאַן, ווער עס לערנט יאָ און ווער עס לערנט נישט פון אייער רוסיש שפּריכוואָרטל?

ל. ביילי

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאָנדאָן, א.1. 3 אַזייגער

שבת, דעם 25־טן יוני — דאָס יידישע לעבן אין קאַנאַדע.

שבת, דעם 2־טן יולי — הומאָר, סאַטירע און פאָלקלאָר.

שבת, דעם 9־טן — די טראַדיציאָנעלע הערצל און ביאַליק פייערונג.

שבת, דעם 16־טן — דאָס יידישע שאַפן אין לאָנדאָן.



## מזל טוב

אַ האַרציקן מזל טוב אונזער גרויסן שרייבער **שלום אַש** און זיין פרוי צו דער חתונה פון זיין אייניקל **מרים,** די טאָכטער פון זיין טאָכטער **רות.** זאָלן זיי און די עלטערן דערלעבן אַ סך נחת.

„לשון און לעבן“ און פריינט פון יידיש לשון.

## רעדאַקציע נאָטיץ

צוליב טעכנישע און אַנדערע מניעות האָט דער נומער נישט געקאָנט אַרויסגיין אין דער ערשטער העלפט פון חודש, מאַכן מיר אים דערפאַר אַ דאָפּל־נומער יוני־יולי. דאָס מאַטעריאַל וואָס איז געבליבן, די „קולטור־ידיעות“ און פאַרשידענע באַריכטן וועלן קומען אין אויגוסט־נומער.

ד.ר.

ליבער רעדאַקטאָר.

איך דאַנק אייך פאַרן געבן מיר די געלעגנהייט דורכצולעזן פריינט ביילים ענטפער אויף מיין אַרטיקל אין דעם בולעטין „לשון און לעבן“.

אַזוי ווי אָבער פריינט ביילי חזרט איבער אַלטע אויסגעדראָשענע פראַזן און ענטפערט לגמרי נישט אויף מיין אַרטיקל, האָב איך מער נישט צו רעדן וועגן דער פראַגע.

מ. בעקערמאַן.

## פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט“

פון **שמואל ווהייט**

שוין דערשינען. צו באַקומען אין פאַרלאַג „לשון און לעבן“ 7/6.

## אַ רפואה שלימה

מיר ווינטשן אַ רפואה שלימה אונזער קאָמיטעט מיטגליד און מיטאַרבעטער **רחל מירסקי** וועלכע געפינט זיך אין שפּיטאָל.

„לשון און לעבן“ און פריינט פון יידיש לשון.

## מזל טוב

אונזער ברודער און פּלימעניק אין ישראל, **הרב יונה שטענצל,** צו די תנאים פון זיין עלטסטע טאָכטער, **רחל,** ווינטשן מיר אַ האַרציקן מזל טוב און פיל נחת.

נחום שטענצל און פרוי,

און א. נ. שטענצל.

# פריינט פון יידיש לשון

## מיטוואָך, דעם 29־טן יוני, 8 אַזייגער

אין אַנגלאַ־ישראל קלוב, 43/44 ווינדמיל סטריט, לאָנדאָן, וו.

**ע. וו. פּאָדאָלסקי** — אַן איינדרוק פון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון יידישן ישוב אין אַמעריקע.

מיט לעזן און רעציטירן פון אָפּאַטאָשו, לייוויק, נאַדיר, גלאַטשטיין, קאָוונער א.א. וועלן זיך באַטייליקן: **הערמאַן טוניס, י. ביעטש, נעט רובין, מ. בעקערמאַן** א.א. לידער פון יידיש אַמעריקאַנישע פּאָעטן וועט זינגען **א. בלום.**

פּאָרזיץ: **א. נ. שטענצל**

## שוין דערשינען דאָס בוך

## אונטערן ישראל הימל

**רייזע־איינדרוקן** (טאָג־בוך)

פון באַקאַנטן שריפטשטעלער **אברהם ווייסבוים**

מיט אַ פאָרוואָרט פון דיכטער **יצחק בערלינער**

אין בוך ווערט געשילדערט די פּרעכטיקע ישראל־לאַנדשאַפט און דאָס אויפגייענדיקע יידיש לעבן אין מדינת־ישראל.

דאָס בוך איז אַ פּראַכט־אויסגאַבע, שיין געדרוקט און גוט געבונדן.

דאָס בוך פאַרקויפט זיך אין „וועג", אַריזאַבאַ 149—טעל. 77־66־14

אין יידישן צענטראַל קאָמיטעט, קובאַ 81, טעל. 34־26־18.

אין דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, אינסורכענטעס 180 און אין שרייב־געצייג געשעפט פון ב. קאָוואַלסקי, מאָנעדאַ 18, טעל. 77־49־22.


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**




# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 8 (העפט 287) זעכצנטער יאָרגאַנג אויגוסט 1955 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| אין די ניין טעג — ה׳תשט״ו | ** | 1 |
| אַ די זון קריכט אויפן קאָפּ . . . (קאַלטע געדאַנקען פאַר די הייסע טעג) | א. מ. קייזער | 4 |
| שוין די זון (פּאָעמע) | דוד ווידענפעלד | 6 |
| אַ חזיר אויף דער חורבה (דערציילונג) | י. א. ליסקי | 7 |
| איך בענטש די שעה (ליד) | שמואל חהייט | 15 |
| יאַנקל אַדלערן, האַריאַציעס (לידער) | א. נ. שטענצל | 16 |
| פּיקאַדילי צירקוס (שטריכן) | משה דאָמב | 24 |
| שטיל איז דאָרט תמיד (ליד) | ש. זאַלקין | 28 |
| אַ פאַמאַכעט־באַנקעט (באַריכט) | אייזיק גאָלדבערג | 28 |
| פאַמאַכעט דערציילט די געשיכטע פון חלמ׳ער בראשית (פעליעטאָן אין גראַמען) | י. ריכטיגער | 30 |
| צום אַרטיקל פּ. ב. ראַחיצקי | מ. אַלמאַן | 32 |
| לאָנדאָנער קולטור ידיעות | | 32 |
| מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס | | 32 |


**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פּרייז —19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד —5 דאָלאַר אַ יאָר**


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,

Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*